STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10108

VINTN

Yitshak Elhanan Rontsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק אלחנן ראָנטש

ווינטן

Copyright 1923
By Isaac Rontch
Chicago

אינהאַלט

בחדרי חדרים

זייטל

ווינטן נעמען	7
און וויפל	11
מיינע קליינע	13
זיי	14
ווי די בילדער	15
ווי די אָפּקלאַנגען	16
פּסאַלם	17
אָ, שענק מיר	18
לאָז זיך	19
ניט פרעג	20
פון מיינע טפילעס	21
איינזאַמקייט	22
זאָפּ איין	23
אַ פרעמדער	24
ווען סהאָט יעדער	25
דאָס ליד פון אונטערגאַנג	26
איך וואַרט	27
אינקאָגניטאָ	28
צופאַלן	29
ניט ווייט	31
סריגגלען אונדז	32

דאָס געזאַנג פון קעלער

דאָס געזאַנג פון קעלער	35
מיינע שטילע טריט	36
קייטן	37
צום רויך	39

איך בין ניט 14
איך 42
כוויל ניט זיין אליין 45
פרייד 46
איך טראַכט 47
ניט האָבן 49
פריינט 50
טעג 51
איך וועל 52
טראַכט ניט 53
אַ שפּיי 54
אליין, אליין 55
קינדער פון נויט 56
האָבען טאַטע־מאַמע 57
דאָס ליד פון פּאַרמישפּעטן 58
בעטלער 59
פּאַיאַץ 60
ניט אייערער 61
איך בין מיד 62
א טרייסט 63
פאַלשע רייד 64

מיר

אױף אונדזערע כורוועס 67
מיר 68
מיר (פראַגמענט) 69
איך וויין צוזאַמען 71
און אין דעם שטילן 72
צו אַ אינגעלע 73
אין הונגערלאַנד 74
נאָכווייען 75
וואָרט, וואָרט 77
מאָשיאַך 79
האַרבסט 80
די אויסגעהוילטע 81
מיר—איך און דו 82

ווינטן 83
הענט 84
רו 85
דו ביסט 87
פלייש 88
איך בין א זינדיקער 89
איך האָב 89
זינד 90
צו א גרויען פרויען-קאָפּ 91
איך וועל פארמיידן 92

מיין ערד

מיין ערד 95
פייערן 96
נאטור 98
באם יאם (א, ב, ג, ד) 99
פארנאכט באם יאם 102
אף א שיף 103
רעגנס 104
אין רעגן 105
רעגן 108
א רעגן אפן לאנד 110
מיר 111
הארבסט 112
אָ, רו 113
א מאמע 114
דער בלינדער 115
א מאָדנע וועלט 116

נעכט

פארנאכט (1, 2) 119
אָקטאָבער נאכט 121
אָוונט-שפאציר 122
נאכט-אימפרעסיעס (1, 2, 3, 4) 123
נאכט-ליד 126
באנאכט 127

טויט

זייטל
מיין ערד ווינקט 131
איך שטארב 133
אין די גרויע 134
מילכאָמע 135

ווינטן נעמען אוף די קרעכצן פון דער וועלט
און צעטראגן זיי און צעזייען זיי.
און סווערן געבארן גרויע וואָלקענס,
וואָס פּלאצן אוים אין גאָס־רעגנס. . .

ווינטן הויערן אף געלעכטער און פרייד
און צעשענקען זיי צו אלעם וואָס לעבט אף דער ערד.
און עס בלויען זיך די הימלען
און עס שטראלט א פריידיקע די זון.

זיינען מיר — קאפּריזן פון ווינטן.
הייב איך אוף מיינע אויגן
צו די ווינטן — מיינע הערשער — אין געבעט.
נעמען זיי אוף מיינע טפילעס און צעבלאָזן זיי.

בלאָנדזשע איך איבער דער וועלט
און זוך — אין דער וועלטס טרויער און פרייד —
מיינע פון ווינט צעזייטע טפילעס.

בחדרי חדרים

און וויפל ס'איז מיר נאָך באַשערט
אַריינזאַפּן אין זיך דעם שטויב פון לעבן,
וויל איך אַרומגיין אַף דער וועלט,
מיט אויגן ליכטיקע און קלאָרע,
און פרייען זיך און יובלען
איבער אַלע וואונדער,
וואָס ווערן אונדז געשאָנקן
יעדע רעגע אויף דער ערד.

אַז ווײ צו דעם, וואָס גייט אַרום
מיט מאַכשאָוועס פּיינענדע, מיט אויגן צעשראָקענע
און אַטעמט איין אין זיך דעם שטויב פון טויט;
וואָס קען די וואונדער אַרום זיך ניט זען;
וואָס צאַפּלט ניט פון אומגעדולד
צו זען דעם נייען טאָג;
וואָס קוקט א הילפלאָזער דער נאַכט אין די אויגן אַריין.

אין די לעצטע מינוטן פון מיין זיין,
וועל איך נאָך האָפן אַלץ,
אַז סהייבט זיך ערשט אָן
דער טאָג פאַר מיר;
אַז באַלד די זון וועט אויפגיין.

און וויפל סאיז . .

און מיין לעצטער אטעם-צוג וועט זיין—
א יובל-ליד פון דעם וואָס כ'האָב געזען,
און א פרייד-געשריי
פאר דעם וואָס קומט, וואָס קומט. . .

און צאַפּלען וועט אין מיר זיך יעדער אייווער
און רייסען זיך, איינצוזאַפּן אלץ מער
דעם וואונדער שטויב פון לעבן.
און מיינע אויגן וועלן עפנען זיך ברייט, ברייט—
צו זען — צום לעצטן מאָל —
די וואונדער פון דער וועלט.

מיינע קליינע אָרעמס שטרעקן זיך
ארומצונעמען די גאַנצע וועלט;
מיינע ליפּן ציען זיך צו קושן
די שאַפונגען פון גאָט;
און יעדער אייווער אין מיר
וויל ליבן, ליבן, ליבן:
ווייל אויסגעדורשט בין איך נאך ליבע
און כווער פארברענט פון דאָרשט.

און שיין איז אלץ און ליב איז אלץ
און לויבנסווערט און גוט.
און מיינע אויגן בעטן, רופן:
„אָ, זען ווילן מיר די שאפונגען פון גאָט!"
און יעדער מענטש איז וואונדערבאַר און הייליק,
און יעדעס קינד — א לויבגעזאַנג צו גאָט.
און אלץ און אלץ וואָס סקען דאָס אויג דערבליקן,
וואָס סקען די האַנט דערטאַפּן;
און אלץ און אלץ, וואָס סקען דאָס הארץ דערפילן —
איז ליב, איז ליב, איז ליב...
אז וואויל צו דעם וואָס איז —
אָ, זאָל עס זיין געבענטשט!

זיי

זיי שפרינגען כוצפּעדיק, ווי בילענדיקע יונגע הינטלאַך,
אַקעגן דיר, וועלט.
נאָר דערהערן זיי דעם אָטעם דיינעם בלויז,
גאַלאָפּירן זיי אַוועק, ווילד־צעשראָקענע.

ניט שפּרינגען, ווי א בילענדיק הינטל,
וועל איך קעגן דיר, וועלט.
נאָר בויגן מיין קאָפּ מיט גרויס יאיראַם־קאָוועד צו דיר,
ווי א יונגער נייער טאַלמיד קעגן זיין גרויסן רעבן.

זיי לאַכן אויס דיך
און גרויסן זיך,
ווי די אייער פאַר די הינער. . .

ניט אויסלאַכן, ניט גרויסן זיך
וועל איך פאַר דיר, וועלט.
נאָר אין אַניוועסדיקער שטומקייט באַוואונדערן דיין גרויסקייט.

און ווען דו וועסט אויסשלאָגן אַ רעגע פון דיין אייביגקייט,
און ס'וועט א ציטער טאָן די ערד פון שלאָג, —
וועלן זיי, ווי מיט זודיק וואַסער אָפּגעבריטע קעץ,
וואָיען ווילד און קאָרטשן זיך—ציטערדיקע—פון שרעק,
און אָן עקל פון ראַכמאָנעס וועט ווייען איבער זיי.

ניט ציטערן פון שרעק וועל איך,
ווען ס'וועט אויסשלאָגן א רעגע פון דיין אייביקייט, וועלט.
נאָר זיך צוהערן — א פריידיקער — צו דיינע וואונדער־טענער,
און בענטשן דיך, וואָס סאיז מיר באַשערט דאָס גרויס גענוס—
פון איבערלעבן אַ רעגע פון דיין אייביקייט, וועלט.

װי די בילדער אין א קינעמאַטאָגראַף,
װײַזן זיך און שװינדן פאַר מײַנע אױגן,
מײַנע נעכטנס און מאָרגנס.
און װי עס גײען נאָך קינדער מיליטערישע פּאַראַדן
אַזױ באַגלײט איך — אַ זײַטיקער —
די װעלט, װאָס פּאַראַדירט פאַר מיר.
איך װײס, איך טו געװוּנג:
איך לעב זיך רואיק, אָן געפילדער.
און דער װילדער אימפּעט
איז מיר ניט צום האַרצן.
און גוט איז מיר,
װאָס איך טרעט אױף דעם װעג
פאַר די, װאָס אײַלן זיך:
איך װעל סײַ װי אָנקומען באַצײַטנס.

ווי די אָפּקלאַנגען פון באַן־גאַלאָפּ אין ווייט,
אין שטילער נאַכט,
הערסטו קומען פון דער ווייט —
אין דער שטילקייט פון דיין זיין —
נייע האָפנונגען, נייע פרייד.
זאָל נאָר ס'הארץ פולסירן שטאַרקער,
זאָל נאָר ס'בלוט אין דיר וואכן,
זאָל נאָר ס'אויג זיך ניט פאַרמאַכן . . .
סוועט דיין אויער דערהערן די וויטע פעסטע טריט.
זאָל נאָר דער אָטעם ניט אויסגיין פון שרעק —
סוועט אָנקומען דער גאסט, דער לאַנג געגארטער גאסט.
גרוי דער קאָפּ, שוואך די האַנט —
זאָל נאָר ס'קאָל קענען אויסשאַלן
דאָס אָנקומען פון פרייד.
רוים אין דיין שטאַרקן גלויבן
אין אלע אדערן, אין אלע גלידער.
שעמען זאָל זיך דער,
וואָס וועט ניט קענען
דעם גאסט מעקאבל פּאָנים זיין.

פּסאַלם

דאָס ביסעלע פרייד וואָס באַגלייט מיך —
נעם ניט אָפּ פון מיר, נעם ניט אָפּ,
ווייל נישטיק, ווי שטויב, ווער איך
און העפקער, ווי פארוועלקט, צעטראטן גראָז.

אין שאָען פון פיין — טו ניט אָפּ
פון מיר דיין בליק,
שענק מיר דעם קויאך פון ווילן,
באטרייסט מיך מיט דיין קאָל.

קומט ניט צו צו מיר,
ווען די פרייד האָט מיך פארלאָזן,
ווייל די לופט ארום מיר איז פארפעסטיקט,
און איר וועט איינאָטעמען אין זיך
דעם סאַם פון מיין דערשלאָגנקייט.

נאָר איין טפילע זאָג איך מיטן גאנצן הארצן,
מיט יעדן אָטעם פון מיין איך:
עס זאָל מיין פרייד מיך באגלייטן
אף מיינע שטויביקע וועגן.

אַ, שענק מיר

אַ, שענק מיר דעם קויאַך פון גלויבן,
אין צייטן פון גרויסער געפאַר,
כ'זאָל קענען דיך בענטשן און לויבן
אין אומגליק, אין פיין און אין צאַר.

מיין טאַטע די הענט האָט געהויבן
צו דיר דאַך, אין שאַען פון נויט;
און הייליק געווען איז זיין גלויבן —
די לעצטע מינוט פאַר זיין טויט.

„די יעשועו וועט קומען פון אויבן"
אזוי האָט מיין מאַמע געגלויבט.
אז וויי איז צו מיר! ס'האָט מיין גלויבן,
נאָך קינדווייז, פון מיר ווער גערויבט.

ווער נאַרט מיך, ווער האלט אין איין רויבן,
די רו און די פרייד פון מיין זיין?
ווער לאָזט מיך די הענט ניט אויפהויבן,
ווען ס'וואַרגט מיך די גרויזאַמע פיין?

אַ, שענק מיר דעם קויאַך פון גלויבן,
אין צייטן ווען גרוים איז מיין נויט;
כ'זאָל קענען דיך בענטשן און לויבן,
די לעצטע מינוט פאַר מיין טויט.

לאָז זיך...

לאָז זיך פירן פון דער האַנט,
וואָס פירט אונדז אַלע;
ווייל ניט אויסקלייבן דיין אייגענעם וועג:
וועסט א שטאָלצער א שפּרייז טאָן עטלאַכע טריט פאָרויס
און אַ מאַכטלאָזער אנידערפאַלן.
און סוועט דיך אויפהייבן די האַנט,
וואָס הייבט אונדז אַלע אויף,
ווען מיר פאַלן.
און מיט אראָפּגעלאָזטן קאָפּ,
וועסטו זיך לאָזן פירן
פון דער האַנט,
וואָס פירט אונדז אַלע.

גלויב אין דעם וואָס הייסט דיך גלויבן;
וויין — ווען סקומט די צייט פון וויינען.
אַמאָל איז קורץ דער וועג, אָפט — גאָר לאַנג.
ווען וועסט א מידער זיך אָפּרוען,
וועט ווארטן אף דיר
די האַנט וואָס פירט דיך.
שרעק זיך, ציטער און באַדויער —
נאָר גלויב אין דעם וואָס פירט דיך.

ניט פרעג...

ניט פרעג מיך וואָס מיר איז — ניט פרעג, נאָר לאָז צורו.
איך דארף קיין טרייסט מער ניט, קיין הילף איך וויל.
פון אלעמען באהאלטן זיך איצט ערגעץ וואו,
באהאלטען ערגעץ וואו זיך, אין דער שטיל.

איך זיץ און ווארט אף אימיצן. ווער קומען ער?
איך ווארט א לאַנגע צייט: צי קומט מיין פרייד?
און מענטשן עפּענען מיין טיר און מיר ווערט שווער —
צי האָט מיין פרייד מיט מיר זיך אויך צעשיידט?

מיך לאָז צורו, ניט פרעג מיך וואָס מיר איז, ניט פרעג:
אין הארצן ליגט א סאָד. מיך לאָז אליין.
און ווען מיין פרייד ניט קומט, דאן וועלן מיינע טעג
אין שטילקייט וואו, גאר סוידעסדיק פארגיין.

פון מיינע טפילעם

און ווען איך וועל אוועקפאלן א פארשמאַכטער,
ערגעץ ווייט, אף פרעמדע וועגן,
זאָלסטו מיך ניט פארלאָזן
און ניט אָפּטאָן פון מיר דיין בליק:
איך זאָל אליין מיין הילף געפינען
און ניט דארפן קיין ראַכמאָנעס-קרעכצן
פון פרעמדע לייט.

און זאָל צו מיינע נאָענטע
ניט דערגיין דער סאָד פון מיין אומגליק,
דער קאָל פון מיין פיין:
איך וויל קומען צוריק
א שטאָלצער און א פריידיקער.

און ווען איך וועל ניט קענען
קומען מער צוריק,
זאָלן וויסן מיינע נאָענטע:
איך בין געוועזן ארומגערינגלט
פון פריינט, פון פרעמדע פריינט;
איך האָב אין זיי — אין מיינע נאָענטע
זיך ניט גענויטיקט . . .
כאָטש היט מיך אוים —
פון פרעמדע מיטקרעכצער.

מאָטעס ל״ז.

איינזאַמקייט

באַם פענצטער אוונט-צייט, באַם שטילן סוידן זיך פון רעגן,
דערזעסטו סשלייכט די איינזאַמקייט ארוים פון אלע ווענן.
און קומט צו דיר און שעפּטשעט דיר אין אויער אריין: כבין דאָ.
אַנטלויף פון מיר... איך לויף דיר נאָך: צו מיר געהערט דיין שאָ.

זי וואַרט אף דיר באַ יעדער טיר פון פריילאך הויז;
זי היט דיין בעט, ווען טוסט זיך אָן און טוסט זיך אויס;
זי זיצט מיט דיר באַם טיש מיט אלע פריינט צוזאַמען;
פאַרנעמט א פּלאַץ בא דיר גאַנץ נאָענט פון דיין מאַמען.

זי שרעקט דיך אָפּ. דו שמייכעלסט ביטער. זעסט—א הויכע וואַנט.
און ווי א קינד עס ווײַנט אין דיר: א, נעמט מיך אָן באַם האַנט.
און האָסטו א געליבטע, דאַן טוליע זי צו זיך צו פעסטער;
און אין דעם קרייז פון שמייכלענדיקע קינדער, בא דיין שוועסטער
וועט זיך די איינזאַמקייט דערשרעקן און—אוועק,
און ווידער טרעפן דיך אין רעגנדיקע טעג.

זאַפּ איין

זאַפּ איין אין זיך דעם הייסן אָטעם
פון דעם זומערדיקן אוונט ;
דעם רייאַך פון צערייצטע לייבער ;
זוך א ווינקל, וואו דעם מידן קאָפּ אוועקצולייגן,
די וואקלענדיגע פּיס אויסצוציען.
לייג זיך אפן גראָז אוועק —
און טראַכט.
טראַכט פון טעג און נעכט
פארבראַכטע אין דעם פרעמדן, פרעמדן רויש,
אין דער פרעמדער וועלט, צווישן פרעמדע לייט.

א פרעמדער דורכגייער אף די ברייטע גאסן
זוכט אַ פּאַנעם, וואָס זאָל אים זיין באַקאַנט.
און ווער עס קוקט אף אים,
דרייט זיין קאָפּ אוועק.
אומזיסט. עס וועט אים קיינער ניט באגריסן.

אזוי פארגייען די טעג פון לעבן.
דו ביסט א פרעמדער דורכגייער
אף די לעבנס-גאסן.
סוועט קיינער ניט באגריסן
דיין אנקומען אָדער אוועקגיין.
די גאס איז פול מיט דורכגייער —
דו ביסט א פרעמדער אף איר.

ווען סהאָט יעדער...

ווען סהאָט יעדער דיך פאַרלאָזן
און געבליבן ביסט אליין,
און דו ווייסט ניט וואו צו גיין —
קוק אריין צו זיך אין הארצן
און ניט וויין, און ניט וויין:
ביסט שוין ניט אליין.

שווער, גאָר שווער אליין צו זיין,
מיט דיין פיין, מיט דיין פיין.
ווען דיין הארץ איז דיר א פריינט,
וויינט מיט דיר דאָס הארץ און קלאָגט
און עס זאָגט, און עס זאָגט:
דו ניט וויין, דו ניט וויין —
ביסט מער ניט אליין.

אָבער ווי צו דיר און ווינט,
ווען דיין הארץ איז בלינד
צו דיין ווי, צו דיין ווי.
ווען ס'האָט יעדער דיך פאַרלאָזן
און דו האָסט ניט וואו צו גיין,
און דיין הארץ איז בלינד —
ווי צו דיר און ווינט,
ביסט אליין, גאָר אליין —
וויין, וויין.

דאָס ליד פון אונטערגאַנג

דער נייער טאָג ברענגט מיט
מיט זיך א ניי געזאַנג;
איך זינג מיין איינציק ליד —
דאָס ליד פון אונטערגאַנג.

און יונג איז נאָך מיין בלוט,
און פלינק מיין יעדער ריר,
דאָך ליגט שוין גרייט די רוט
פון מידקייט בא מיין טיר.

און ווער און וואָס איך בין —
פארגעסן האָב איך לאַנג:
עס וועבט אין מיר די שפּין
סגעוועב פון אונטערגאַנג.

אַלץ וועקט, אַלץ רופט, אַלץ ציט,
אַלץ זינגט א ניי געזאַנג;
איך זינג מיין איינציק ליד —
דאָס ליד פון אונטערגאַנג.

איך וואַרט און וועל זיך ניט דערוואַרטן,
אַף דעם, וואָס זאָל אונדז ברענגען
די גרויסע בשורה פון דערלייזונג.
און אַלע נעדאַרים, וואָס איך האָב זיך געגעבן,
וועל איך באַטל מאַכן;
און אַלע טרוימען-שלעסער — צעשטערן;
און דעם שטאָלץ אין מיר דערנידעריקן.
און ניט גלויבן מער,
און ניט האָפן מער,
נאָר אַ שמייכל טאָן:
אַ קינדער-שפּיל געווען —
איך בין דאָך אַ דערוואַקסענער.

איך וועל פאַרוויגן זיך אין רו —
און שווייגן.

אינקאָגניטאָ

כוועל צערייסן און פאַרברענען
אלע מײנע בריוו און בילדער
און די ביכער און די העפטן —
אָן געפּילדער,
קיינער זאָל דערפון ניט וויסן —
קיינער וועט ניט וויסן.

אין דער שטיל וועל איך מיך לאָזן
וואנדערן אַף פרעמדע וועגן.
ווער איך בין און וואו איך נעכטיק
וועט מען פרעגן
און צי האָב איך ברויט א ביסן —
קיינער זאָל ניט וויסן.

לייטערן וועט מיין נעשאָמע
זיך פון מיינע זינד די שווערע.
וועט מיר אַף די פרעמדע וועגן
גרינגער ווערן.
ניי געבאָרן מיין געוויסן —
קיינער וועט ניט וויסן.

צופאלען אַ זינדיקער, צו דיר, אָ ערד, און קושן דיך
און באגיסן דיך מיט הייסע טרערן ;
טוליען זיך מיט מיין גליענדיק לייב, צו דיר, אָ ערד ;
טפילע טאָן, קניענדיק פאר דיר,
און בעטן טרייסט
און זוכן שוץ
ווי א פון שרעק ציטערדיק קינד בא זיין מאַמען.

אָ, ווי איז מיר ! אָ, וויסט איז מיר !
פרעמד איז מיר די גאַנצע וועלט.
עלענט בין איך דאָ.
ווי אַן אונטערגעוואָרפן קינד בא א פרעמדער שוועל,
האָט מען מיך געלאָזן אף דער פרעמדער וועלט אליין.
ווארפט מען זיך מיט מיר ארום.
בין א שפילצייג איך אין די הענט פון שטאַרקע :
וואָס איך זאָל ניט טאָן—איז שלעכט, איז זינד, איז שטראָף...
וויל מיר קיינער ניט העלפן,
וויל מיר קיינער ניט ווייזן,
און פון אלע ווינקלען —

צופאלן א זינדיקער. . .

לויערן אף מיר שרעקן פון זינד, זינד . . .
איך בין שטראף, איך בין זינד, איך בין זינד!
וואָס קאָן איך טאָן?
שטרעק איך אוים די הענט,
הייב איך אף מיין צאארדיק פּאָנעם צו די הימלען
און בעט: אָ, העלפט! האָט ראכמאָנעס אָף מיר!
ציטערט אויף מיין לייב, ברעכן זיך די פּיס,
און איך פאל צו צו דיר, אָ מאַמע ערד,
און נעם דיך ארום און קוש דיך
און באגים דיך מיט מיינע הייסע טרערן
און בעט דיך, בעט:
אין זכום פון מיינע אָוועס,
אָ, העלף מיר, העלף מיר, ערד:
איך זאָל זיך פון מיינע זינד באפרייען;
עס זאָל קאיענס צייכן אף מיר מער ניט רוען;
איך זאָל ניט זיין מער קיין פרעמדער דאָ . . .
אָ, בענטש מיך, בענטש מיך, מוטער ערד!

ניט ווייט פון דאנען ליגט דאָס דאָרף,
ניט ווייט פון דאנען ווארט די רו,
און אַף דיין שוועל
שטייט, ווי א געטרייער הונט,
דאָס ליכט וואָס וועט לויפן דיר פאָרויס
און באלייכטן דיר דעם וועג.

וואָס שרייסטו נאך אז ווערסט דערשטיקט:
האָסט דאָך מיר און טויער ארום זיך פארריגלט.
דיינע גרויע האָר אַף דיין יונגען קאָפּ,
דיינע שרעקנדיקע אויגן,
דיינע — פון שווערע לאסטן — איינגעבויגענע פלייצעס,
בעטן טרייסט, בעטן רו.
קום מיט מיר — איך וועל דיך פירן.
(אַ ראַכמאָנעס אויף די וואָס וויסן ניט,
אַז נאָענט איז פון זיי דאָס דאָרף, די רו).
איך וועל פארהיטן דיך פון וויסטע שרעקן,
איך וועל זיין מיט דיר און דיר העלפן:
דיינע אויגן וועלן אופלייכטן,
דיינע פלייצעס זיך אויסגלייכן
און די האָר אַף דיין יונגען קאָפּ
וועלן איידעס פארבלייבן
פון יענע יאָרן,
ווען האָסט מיר און טויער פארמאַכט,
און דאָס ליכט אַף דיין שוועל ניט געזען.
קום מיט מיר —
ניט ווייט פון דאנען ליגט דאָס דאָרף,
ניט ווייט פון דאנען ווארט אויף דיר — די רו.

מאַטעס ל.'ן.

סרינגלען אונדז אַרום גרויסע ווּיסטע שרעקן —
אומעטום, וואו מיר זאָלן ניט זיין.
מיר באַהאַלטן זיך פון די גרויסע ווּיסטע שרעקן,
אומעטום, וואו מיר זאָלן ניט זיין.

ווער וועט אונדז פון זיי באַשיצן,
ווער וועט אונדזער היטער זיין?
שיינע קינדער וועלן אונדז באַשיצן,
קינדער וועלן גרויסע ווּיסטע שרעקן פאַרטרייבן פון אונדז.

עס באַפאַלן אונדז שווערע פּיין
און צעשטערן אונדזער גליק און רו.
ווער וועט אונדז פון פּיין באַפרייען?
קליינע צאַרטע פרויען-גלעטן וועלן אונדז פון פּיין באַפרייען.

ס'לויערן אייביקע סאָנעס אויף אונדזער שטילע פרייד
און רויבן זי אוועק פון אונדז.
און מיר גייען אַרום צעבראָכענע
און פרעגן בא יעדן דורכגייער:
ווער האָט געזען די רויבער פון אונדזער פרייד?
ווער האָט אונדזער פרייד באַגעגנט?
און קיינער ווייס ניט.

ווער וועט צוריקברענגען אונדזער פרייד?
ווער וועט די לויערער פאַריאָגן?
א צויבערוואָרט פון ליבע, א לאַשטשענדיקער בליק,
א וואַרעם האַרץ —
וועט פאַריאָגן די לויערער,
וועט צוריקברענגען אונדזער שטילע פרייד.

דאָס געזאַנג פֿון קעלער

דאָס געזאַנג פון קעלער

סהאָט ווער אין פייכטע קעלערן אונז איינגעשפּאַרט;
דאָס הילכיקע געלעכטער אונדזערס צוגערויבט;
די אייוורים רונדיקע צעקרימט און אָפּגעדאַרט; —
דאָך האָבן דוירעס לאַנג מיר בלינדערהייט געגלויבט.
סהאָט ווער אונדז אָפּגענאַרט.

און פּלוצים האָט א ווילדער סאָד זיך גלייך צעשפּרייט
פון פייכטן קעלער אונטן, ביז ארויף גאָר הויך;
א צאָרן, ווי א וויכער ווינט, האָט אָנגעווייט;
די אויסגעדאַרטע אייוורים מיט א ריזן קויך
געוועזן זיינען גרייט. . .

איצט זינגען מיר סגעזאַנג פון קעלער פייכט און נאַס;
איצט מאָנען מיר סגעלעכטער אונדזערס פון אַמאָל;
און וועלטן ציטערן פון דעם גערעכטן כּעס;
און סשטורעמט מאַכטיק אונדזער אָפּגענאַרטער קאָל—
פון קעלער אָף דער גאַס!

מיינע שטילע טריט

מיינע שטילע טריט
פאָלגן נאָך אייך אומבאמערקט
אויף אלע אייערע וועגן.
מיינע שטילע טריט
הערן אלץ און זעען אלץ
און ציטערן פון צאָרן
און ווילן ווייזן אייך,
אַז זיי זעען אלץ, אז זיי הערן אלץ —
נאָר איך היט זיי און פארהיט זיי —
און שווייגן מוזן זיי,
מיינע שטילע טריט,
ביז עס קומט די צייט.

און קומט די צייט פאר מיינע שטילע טריט
וועלן ווי ציקלאָנען זיך א הויב טאָן,
ווי ציקלאָנען זיך א לאָז טאָן,
ווי ציקלאָנען ווילד א ראַש טאָן
מיינע טריט.
אלץ וואָס האָט געברענט זיי און געבראַטן;
אלע ריזן-קויכעס, וואָס זיי האָבן אין זיך
פארשטיקט און פארדריקט—
וועלן מיטאַמאָל זיך לאָזן הערן—דורך די טריט—
איבער גאָר דער וועלט.
קלינגען וועלן זיי און פארקלינגען,
הערשן וועלן זיי און באהערשן.
און סוועט א ציטער טאָן די וועלט
פון די טריט,
מיינע שטילע טריט,
ווען עס קומט די צייט.

קייטן

קייטן, קייטן. אומעטום קייטן.
פארזשאַווערטע, גלאַנציקע,
מאַניענדע, אָפּשטויסענדע,
גאָלדענע, בלוטיקע —
קייטן.

מיר זיינען אין זיי געבאָרן געוואָרן —
און שטאַרבן אין זיי.
זיי זיינען אַזוי ווי מיר:
קאַלטע און גליענדע,
יונגע און אַלטע. . .
זיי זיינען געקייט אין קייטן,
קייטן אַף קייטן.
היטן איינע די אַנדערע —
אַזוי ווי מיר.
דוירעס און דוירעס,
שוואָטים און מישפּאָכעס.
די וועלט איז אין קייטן־נעץ געפאַנגען.

ווען א גיגאַנט אַמאָל — אין שפּאָס —
אַ שאָקל טאָן די וועלט
(ווי ס׳שאָקלט א שטורעם־ווינט דעם שווער־באַפרוכפּערטן עפּל־בוים)

קייטן

און סוועט א קלימפּער טאָן
מיט קייט־געקייט,
אַז פאַרטויבט וועט ווערן ס'אויער פון דער וועלט.
און סוועלן פון דער וועלטס גוף
(ווי פון דעם שווער באַפרוכפּערטן עפּל־בוים)
אַראָפּפאַלן קייטן נאָך קייטן,
אַז עס וועט פון שווערקייט א שפּאַלט טאָן זיך די ערד.

אָ, זאָל א שטיף טאָן דער גיגאַנט!
זאָל עס אָנטראָגן א ווילד געוויטער
און אַראָפּשאָקלען קייט נאָך קייט.
ווייל—באַלד וועט אָטעם אויספּעלן,
באַלד ווערט ווער דערשטיקט.

צום רויך

די באַקאַלם — מאַרים׳ן און טילי׳ן

שויפערם שאַלן: טרוע! שווארים!
איבער פריש באדעקטע קווארים.
ניט קיין צייט געהאַט באוויינען
און צוואָעם איבערלייענען,
און א טראַכט צו טאָן אפילע,
ניט געווען קיין רעגע שטילע:
וואָס, וואו, ווען? . . .
פייער! פלאקער! ברען!
שאָקעלט זיך די ערד,
גלאַנצט דער שווערד,
שאַלט טראָמפּיט:
גייט, גייט, גייט!
איבער קוואָרים,
איבער פגאָרים,
גייט און פאלט!
שוואך און אַלט
בלייבן ליגן —
פליגן! . . .
יונג און שטאַרק,
קלעטערט באַרג,
שפרינגט דורך פייער —
פרייער, פרייער. . .
שפּאַלט זיך ערד.
ניט געקלערט,
וואָס באשערט —

צום רויך

מונטער, הייטער:
ווייטער, ווייטער. . .
גיך
קריך!
לויף
ארויף! ארויף! ארויף!
פארשטאָפּ די לעכער!
העכער! העכער!
בליק אראָפּ:
קאפּ אף קאָפּ
רייסן זיך הויך, הויך —
צום רויך.
אויבן וואָס?
ציט די נאָז
אהין, אהער . . .
ווייס ווער?
קיינער, קיינער.
גאָר — הויט און ביינער
מיט די ציינער
ר'ייסן ערד,
ברעכן שווערד,
טרעזטן קוואָרעם. . .
שטורעם, שטורעם!
שויפער-שאַל!
בליץ און קנאַל!
פלאַצט די ערד!
ברעכט, צעשטערט!
ארויף הויך —
צום רויך, צום רויך!

איך בין ניט...

איך בין ניט קיין בייזער פון נאַטור;
אין היים בלוט האָט מען מיך ניט געבאדן;
מיין טאַטע האָט קיין פליג אפילע ניט געטשעפּעט;—
און דאָך גיי איך ארום מיט אַן אַנגעלאָדן האַרץ.
איך וואונדער זיך אליין אָפט:
פון וואנען האָט זיך גענומען צו מיר אַזוי פיל צאָרן, אַזאַ בייזקייט?

איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך,
פון מיינע קינדער־יאָרן אָן,
די גיפטיקסטע באַצילן פון מענטשן־האַס.
מיין אויג האָט ראַק געזען ארום זיך —
בייז, בייז, בייז...
און געהערט האָב איך שטענדיק
בלויז גראָבע שלעכטע רייד.
און איצט בין איך פארוויקלט
אין א פארפּלאָנטערטער נעץ,
וואָס איז באַפארבט
מיט פריש און פארגליווערט בלוט;
וואָס איז געוועבט פון מענשלאַך פלייש —
אָדערן און מוסקולן, ביינער, מארך און האַרץ.
און יעדער טראָט מיינער — איז אַף כורוועס,
און יעדער בליק מיינער
איז אַף קאליקעס און טורמע־ווענט;
און יעדער קלאַנג — איז גרילץ און קרעכץ.
איך בין ניט קיין בייזער פון נאַטור,
נאָר סאיז די וועלט אַזאַ
און דער הימל איז אַזאַ —
טאָ וואָס קאָן איך טאָן?

איך

קוק מיך אָן: דעם קאָפּ פון שרעק געבויגן,
ווי ס'וואָלט אימיץ וועלן אים צעפּלעטן;
מיינע ווייכע האָר—פאַר פרויען־הענט צום גלעטן;
און די אויגן —
אַט ווי בײַ אַ צעשראָקן קינד,
און אַט — דערציילן זיי פון זינד
און סוידעס וואָס זיי באַהאַלטן;
און אויף מיין פּאָנעם אַלטן —
שאָטענס פון אויסדרוקן:
א גוטער יונגער מאַלער,
אַ יעזואיט אַ גאַלער,
א קליינטשיקער מעפיסטאָ,
דער בלייכער יעזוס קריסטוס...

ניט טראַכט קיין שלעכטס פון מיר:
כ'פּראַל אויף פון האַרץ די טיר
פאַר דיר —
און זע און גלויב:
איך בין א טויב,
וואָס קאָן אין ווינטער־פרעסט
ניט געפינען זיך קיין קעסט;
און סקלאַפּט אָן אין שויב
צו דיר די טויב
אין אָוונט שפּעט און בעט:
לאָז נעכטיקן בײַ זיך אין הויז,
ביז ס'וועט די זון ארויס.

איך

מיין לעבן איז — א קלאַפּעניש אין טירן,
וואָס פירן און פאַרפירן
אין הייזער, וואו ס'איז ענג און גרוי,
אזוי —
דערשטיקט צו ווערן,
יעלאָלעם נאָר צו הערן
און ארויסהעלפן — מיט טרערן.

קוק מיך אָן:
אין די ווינקלען פון מיינע ליפּן רויטע
ליגן גרייטע
די האָפנונגען פון מיין פרייד.
און די לייד
אין מיינע אויגן,
און מיינע פּלייצעס געבויגן
קענען ניט פאַרצערן
די פרייד, וואָס האַלט זיך אין איין מערן,
אין די ווינקלען פון מיין מויל
און ליגט דאָרט נאַקעט, הויל —
ווי פון מיין האַרץ די טיר,
וואָס שטייט אָן אויפגעפּראַלט — און וואַרט אויף דיר.

.2

איך האָב פיינט מיין אייגענעם טרויער
און פאַרטרייב פון זיך דעם שרעק,
וואָס גייט מיר שטענדיק נאָך
מיט לייכטע שטילע טריט.
און ברענגט מיר יעדער טאָג
בלויז נייע פיין און זאָרג,
און שעפּטשעט מיר אין אויר אריין דער שרעק:
אנטלויף, באהאלט זיך, גיך —
הייב איך אוף מיין אראָפּגעלאָזטן קאָפּ
און באפעל: פאָרויס, פאָרויס!
פארגעס וואָס האָסט געלאָזן הינטער זיך;
שטרענג אן דיין בליק אין ווייט
און זע און הער — צי רופט דיך ווער.
צי דארף דיך ווער.
און נאַרט דיך אָפּ דער וואָס האָט גערופן דיך;
און שפּאָט פון דיר דער, וועמען האָסט דערלאַנגט
דיין ווארמע האַנט, אין צייט פון וויסטער נויט —
ניט גיי צוריק צו זיך,
זיפץ ניט, טרויער ניט;
ניט לאָז דעם שרעק דיין רו אוועקרויבן;—
נאָר גיי פאָרויס
און זע און הער,
צי דארף דיך ווער.
און ווייס:
מוואַרט אף דיר, משטרעקט די הענט צו דיר —
שטרענג אָן דיין בליק—און זוך און זוך. . .

כוויל ניט זיין אַליין

גוט איז מיר, וואויל איז מיר:
כבין דאָך ניט אליין.
צווישן מענטשן בין איך,
פון די אויצרעם זייערע שעפּ איך:
דאָ א שמייכל, דאָרט אַ לאַך.
גוט איז דאָך מיט מענטשן זיין,
ניט צו זיין אליין,
ניט צו זיין אליין.

ווייס איך דאָך, אַז מענטשן זיינען פרעמד,
זיינען פרעמד;
אַז ניט יעדער שמייכל שמייכלט,
אז מאיז מיעס, אַז מאיז פאלש.
אָבער זיין אליין?
אַ, איך וויל ניט זיין אליין:
צווישן מענטשן נאָענט,
צווישן מענטשן — קויאך,
צווישן מענטשן — מענטש!
כוויל ניט זיין אליין.

פרייד

איך האָב אַ גאַנצען טאָג געזונגען,
איך בין געווען באַהערשט פון פרייד;
סהאָט אלץ ארום מיט מיר געזונגען,
סאיז אלץ ארום געווען פול פרייד.

איך בין באַנאַכט אהיימגעגאַנגען,
כהאָב קוים מיין אייגן הויז דערקענט:
צום ערשטען מאָל געהערט געזאַנגען
עם האָבן מיינע גרויע ווענט.

און כהאָב אין בעט געשעפטשעט דאַנקן
צו דעם, וואָס האָט די פרייד באַשערט;
און כהאָב געפילט — מיט פרייד געשאַנקן
איז פול די קלאַנגנדיקע ערד.

איך טראַכט

איך טראַכט: מיט יעדן טאָג געבאָרן ווערט אַ פרייד.
וואוהין פאַרשווינדט די פרייד? ווער רויבט די פרייד אוועק?
פאַרוואָס איז פול דער טאָג מיט ווייען און מיט לייד?
פאַרוואָס דען טראַכטן מיר פון מאָרגן בלויז מיט שרעק?

איך וויים: מיט דערנער זיינען אלע וועגן אויסגעשפּרייט,
און שטיינער גרויסע, שווערע ליגן אומעטום,
אף אלע וועגן אָבער אונדז די פרייד באַגלייט
און שטענדיג גייט זי נאָך אונדז שעמעוודיק און שטום.

עס פּוצט פאַר אונדז דער הימל אוים זיך יעדן טאָג,
אין קליידער ניי פון וואונדערבאַרן ליבן כיין;
עס ווייזט פאַר אונדז די גוטע זון וואָס זי פאַרמאָגט,
איר געטלאָך־ריין געשטאַלט באַם אופגיין און פאַרגיין.

אזויפיל פרייד איז דאָך פאַראַן אין יעדען בוים,
אין יעדן גראָז און זאַנג, אין יעדן בלאַט און בלום.
עס וואַרט אָף אונדז אין יעדן פּאַרק אַ צאַרטער טרוים,
עס זינגען פייגעלאָך דאָך פריילאָך אומעטום.

אזויפיל פרייד אין דאָך פאראַן אין יעדן קינד,
אין יעדן מענטשן — גרויס צי קליין און גוט צי שלעכט;
אין אַלע איינזאַמע, וואָס לעבן נאָר פון זינד,
אין יעדן פינצטערלינג, אין יעדן שקלאַף און קנעכט.

אין יעדער זאַך און טאַט, אַף יעדן טריט און שריט,
א לעבן רוישט, באַוועגט זיך שטילערהייט און וואַכט.
און אייביק זינגט די ערד פון יונגער פרייד א ליד,
אין גרעסטן אומגליק אימיצער א קונדעס לאַכט...

פאַרוואָס ווערט אָנגעפילט די ערד מיט יאָמער, קלאָג?
פאַרוואָס דען קלינגט פון אנגסטן אזוי שטאַרק די קייט?
א נייע פרייד געבאָרן ווערט מיט יעדן טאָג —
וואוהין פאַרשווינדט די פרייד? ווער רויבט אוועק די פרייד?

ניט האָבן...

ניט האָבן קיין אייגענעם ווינקל, קיין היים,
ניט פילן די זיסקייט פון צערטלאַכן בליק ;
נאָר וואַנדערן, וואַנדערן איינער אליין
און טרוימען, בלויז טרוימען, פון אייביקן גליק.

ארום און ארום איז די שוואַרצקייט פון נאַכט ;
ארום און ארום איז א וועלט אזוי פרעמד ;
ארום און ארום אזוי גראָב יעדער לאַכט,
און ווערסט אזוי ביטער און פיינלאַך פאַרשעמט.

און וויינסט אזוי ביטער באַנאַכט אף דיין בעט,
און לאכסט אזוי הארציק באַטאָג מיט די פריינט ;
און סשטאַרבט דיין נעשאָמע און קיינער ניט זעט —
און ספרייט דיך דער טאָג, ווען די זון ליבלאך שיינט.

ארום און ארום איז די שוואַרצקייט פון נאַכט ;
און מיד ביסטו, מיד, פון דיין לעבן שוין מיד,
און אימיצער טרייסט דיך און אימיצער לאַכט :
„געבענטשט זיינען די וואָס לעבן אין פריד“.

פרײַנט

(פראַגמענט)

. . . ניטאָ קיין פרײַנט. זיי דארפן זײַן.
אָן זיי דאָס לעבן דען וואָס טויג ?
די גרויסע פרייד, די טיפע פּײַן —
מע דארף דאָך אימיצן דערציילן,
מיט פרייד זיך טיילן, וואונדן היילן,
סדארף היטן דיך א נאָענט אויג.

ווי איינזאַם זיינען מיר אָן פרײַנט.
און סווערן פרײַנט פון שטוב די ווענט ;
עס ווערט דיר נאָנט די זון וואָס שײַנט.
און שפעט באַנאַכט אין פוסטע גאסן,
באַם שײַן פון א לאָמטערן בלאסן —
שטרעקסט ווי א בעטלער אויס די הענט.

טעג

טעג אזוי אומעטיק, נעכט אזוי שווער ;
ציען זיך וואכן, כאדאשים און יאָרן.
דאכט זיך דיר : אימיץ וועט קומען אַהער,
ועסטו צוזאמען מיט אים ערגעץ פאָרן.

ווערן דיר נימעס באַקאַנטע און פריינט,
לויפסטו פון אלעם אוועק אין דיין צימער.
דאַכט זיך דיר : אומעטיק שרעקלאַך איז היינט.
ווייסטו ניט : סהיט דיך דער אומעט דאָך אימער.

ריזיקע וועלטן — און דו אזוי קליין.
שרעקן דיך, סטראשן, די דונערם און בליצן.
זעסט ביסט א קינד דו, וואָס קען ניט פארשטיין —
זוכסטו א פאָטער וואָס זאָל דיך באשיצן.

ערגעץ וואו, ערגעץ וואו ווילט זיך אוועק,
ווילסט זיך פון אומעט באפרייען דעם שווערן ;
ערגעץ וואו הערשט דאָך ניט אייביק דער שרעק,
ערגעץ וואו, שיינען דאָך ליכטיקע שטערן.

איך וועל מיין גורל ניט פארמיידן,
און ניט פארלירן פון מיין גליק;
עס וועט די שאַרפע קאָסע שניידן —
איך וועל ניט קוקן אָף צוריק.

די פעלדער מיינע — פוסט און פוסטער,
די זאַנגען רייף — אין פרעמדע הענט;
זאָל נעמען יעדער וואָס נאָר גלוסט ער —
איך וועל פארבלייבן מיט די ווענט.

די ווענט — זיי וועלן מיט מיר בלייבן,
ווען קומען וועט מיין לעצטער טאָג;
דערווייל מעג יעדער איינער קלייבן
פון אלע אויצרעס וואָס כפאַרמאָג.

טראַכט ניט, איך בין קליין, אָנמעכטיק:
ס'וואַכט אין מיר דער קאַם פון וועלטן.
איך בין וואַרזאַם און גערעכטיק,
כ'ריים די מאַסקע פון פאַרשטעלטן.

אַף די טומלדיקע וועגן
שרייאיק לייכט אייך דער לאַמטערן;
פאַנגט אָן גיסן נאָר א רעגן
וועט אייך פינצטער באַלד דאָך ווערן.

איך פאַרמאָג א קליינעם פייער,
נאַרט ער ניט ווי דער לאַמטערן;
ער ווערט גרעסער, ער לייכט פרייער,
ווען מען וויל אים נאָר צעשטערן.

אייערע בייטשן סוויסטשן, קנאַלן
און זיי שמייסן מיך און טרייבן —
דאָך וועט איר — די טרייבער — פאַלן,
איך — דער שוואַכער — וועל פאַרבלייבן.

א שפּיי

כהאָב גערופען צו דיר
אין מיין גרויסן צאַר,
ניט געענטפערט האָסטו
מיין היים געבעט.
כהאָב אויסגעשטרעקט מיינע הענט,
סזאָל מיך דערהאַלטן דיין קויאַך,
און געפאלן בין איך מאַכטלאָז
אף שפּיציקע שטיינער.
מיין בלוט ניט אָפּגעוואשן
האָט קיינער.
די וואונדן אָפענע —
פאר שמוץ און שטויב;
פארבייגייער — טויב און שטום...
האָב איך מיין געשריי אליין אנטשטילט
און געווארט אף א גיכן סאָף.
איז ניט געקומען דער סאָף;
האָבן די וואונדן זיך אליין פאַרמאַכט,
מיינע ליידן — ראַכמאָנעס געהאָט אף מיר,
דאָס בלוט — איינגעטריקנט.
איז א שפּיי פון עקל
מיין דאַנק צו דיר געוועזן!
בין אליין דאָס גיפט,
בין אליין דער באלזאָם.
אָ, מאַכטיק זאָל זיין מיין שפּיי,
אין צייט פון מיין גרויזאָמער פּיין!

אליין, אַליין...

אליין, אליין אין לאַנגען וועג,
אין ברייטן וועג, אין ווייטן וועג;
דורך דאָרף און שטאָט, דורך וואלד און פעלד—
א גרויסע וועלט, א פרעמדע וועלט.

אליין, אליין... נאָך גאָר א קינד,
א שוואַכעם קינד, א צאַרטעם קינד,
דאָס פּאָנעם בלאַס, ווי דאַר די האַנט!
אין ווייטן לאַנד, אין פרעמדן לאַנד.

אליין, אליין... אין לעבנס קאמף,
אין שווערן קאמף, אין ביטערן קאמף,
מיט עלנט, נויט, מיט הונגער-טויט —
פאר ברויט, פאר ברויט, פאר טרוקן ברויט.

קינדער פון נויט

די קינדער זעען ניט דאָס ליכט פון טאָג,
די קינדער הערן ניט דאָס ליד פון פרייד;
די קינדער הערן בלויז דער מוטערס קלאָג,
די קינדער זעען בלויז דעם פאָטערס לייד.

אין זייערע אייגעלאַך עס ליגט אַ צאַר,
דאָס זאָרגלאָז קינדערשע פאר זיי איז פרעמד;
און זייערע גופימלאַך צעקרימט און דאַר,
און אַף די גופימלאַך — א שמוציק העמד.

און סאיז פאר זיי די גרויסע שיינע וועלט —
א פלאַץ פון מאַטערניש, א טפיסע בלויז;
און סאיז זייער העכסטער טרוים א ביטל געלד,
און סוואַקסט דער טרוים מיט זיי פון קליין ביז גרויס.

און סזינגט די וועלט פאר זיי א יוגנט ליד,
און סזינגט נאַטור פאר זיי א ליד פון פרייד, —
די קינדער זעען נאָר א לעבן מיד,
די קינדער זעען נאָר א וועלט פון לייד.

האָבן טאַטע־מאַמע מיך פאַרשאָלטן,
ברידער, שוועסטער מיך פאַרהאַסט;
פריינט פון מיר פאַרבאָרגן זיך, באַהאַלטן,
און די סאָנים ווילד געשפּאַסט.

בין איך מיר אַוועק אין פרעמדע לענדער
זוכן אַ געטרייען פריינט.
אָבער וואו איך קום, בין איך אַ פרעמדער —
אומעטום מיך האָט מען פיינט.

וועל איך שטאַרבן ערגעץ־וואו פאַרלאָזן,
קאָרטשען זיך אין אַנגסט און פּיין;
נאָר דער ווינט וועט אין מיין פּאָנעם בלאָזן
און אַ הונט — מיין איידעם זיין...

דאָס ליד פון פּאַרמישפּעטן

וואָלקענס פון שאַנד
וועלען א גאַס־רעגן פון טרערן געבוירן —
דערווייל פינקלט די זון
אָפן ווייסן ריינעם שניי;
וועט מען טייטלען אָף מיר:
אָט איז דער זינדער, דער זינדער.
דערווייל באַגריסט מיך יעדער, ווי א גלייכן.
וועט זיך טוליען מיין קאָפּ צו מיין ברוסט
און די אויגן וועלן זוכן פינצטערניש —
דערווייל קוק איך א שטאָלצער
דער וועלט אין איר שיינענדיק פּנים אריין.
וועל איך מיט די ציין די גראַטעס בייסן
און מיטן קאָפּ — די ווענט וועלן ברעכן —
דערווייל — ווי פריש איז די לופט,
ווי ברייט איז דער וועג.
וועל איך ארום אַמאָל א פרייער?
צי אויסגיין איינזאַם הינטער די גראַטעס?
דערווייל — אַזויפיל קויאַך צו שוועבן,
דערווייל — וויל איך לעבן.

בעטלער

וואנדער איך מיר נאָכאַנאַד
אין דעם רייכן בעטלער-לאַנד.
פירט אַ וועג מיך שמאָל און ווייט.
בעטלער פיל פון יעדער זייט,
שטרעקן אוים צו מיר אַ האַנט —
טייל איך, טייל איך נאָכאַנאַנד.
טייל איך אוים וואָס איך פארמאָג.
שטעלט ווער אָפּ מיך בא אַ טאָג.
שטעל איך אָפּ זיך, הער זיך איין —
סרוימט מיר ווער אין אויר אריין:
„האָסט צעטיילט דו שטיקלאַך הארץ,
ביסט דערפאַר געוואָרן שווארץ.
און קיין בלוט אין דיר ניטאָ,
און עס נענטערט זיך דיין שאָ“.
הער זיך איין צום סאָד איך גוט
און איך זע: ניטאָ קיין בלוט,
און איך זע: ניטאָ קיין הארץ,
און איך בין געוואָרן שווארץ.
טראַכט איך, טראַכט און וואַנדער שטום. . .
און די בעטלער פיל ארום,
שטרעקן אוים צו מיר אַ האַנט —
און איך טייל אוים נאָכאַנאַנד. . .

פּאַיאַץ

דער נאַר האָט זיך צעלאָזט אין אים:
ער האָט געפּלאַפּלט אָן אַ סאָף;
געפּרייט זיך פון דער העלער הויט ארויס,
געדאַנקען־קאָזשעלקעס געמאַכט.
עס האָבן די ארומיקע געשעפּטשעט:
„דער נאַר שטויסט אים!"
און נייגעריק נאָכגעפאָלגט זיין יעדן ריר.
און ער האָט זיך געכידעשט:
וואָס איז געוואָרען דאָס מיט זיי?
עפּעס זיינען אלע אזוי אָנגעבלאָזן,
און ס'שלאָגט א קעלט פון זיי.
און ס'האָט זיין בליק געבליצט
און ס'האָט געצאַפּלט זיך
זיין יעדער אייווער פון פרייד
און ס'איז אים אזוי גוט געווען:
ער קומט פון טרוימלאנד איצט,
ער האָט זיין ליד פון דאָרט געבראַכט,
געשאפן דאָך א ליד אַצינד —
א פרייד, א פרייד!

עס האָט דער נאַר געשטויסן אים אַצינד...

ניט אייערער

אוועק פון מיר. אָ, לאָזט מיך טרוימען:
איך וויל פארגעסן אלץ אצינד
און ווי דער גרינגער רויך פון קוימען,
וויל איך פארשווינדן מיטן ווינט.

זיך אָפּרוען פון לעבענס־שלאַכטן,
ניט הערן מער דאָס ווילד געברום;
פון גאָרניט, גאָרניט מער ניט טראַכטן,
ניט זען מער די וועלט ארום.

אָ, פאר א ווײַלע נאָר דערבליקן
די פרײַנדס־שטראַלן פון דער וועלט
און זען גליקן, גליקן, גליקן
אין יעדן אָרימען געצעלט.

אָ, פרײַ זײַן, שוועבן אין די רוימען
און זינגען זאָרגלאָז ווי דער ווינט.
אָ, לאָזט מיך טרוימען, טרוימען, טרוימען —
איך בין ניט אייערער אצינד.

איך בין מיד...

איך בין מיד, אזוי מיד.
אין דרויסן קלאָגט דער ווינט.
האָסט איינגעשלעפערט סקינד
מיט א מייסע־ליד —
איך בין אויך א קינד,
שלעפער אויך מיך איין,
שטיל מיין פיין
מיט א קינדערש ליד —
איך בין מיד, אזוי מיד.

אין דרויסן קלאָגט דער ווינט;
אין די שויבן ווינקט דער שרעק:
גיי נים אוועק.
שלעפער איין מיך, שלעפער איין,
איידער סקומט דער שרעק אריין.
איך האָב מוירע, כבין א קינד —
אין דרויסן קלאָגט דער ווינט.

א טרייסט

אוועק פון אלעמען
אנטלויפן גיך;
אוועק פון אלעמען —
צו זיך, צו זיך.

פון זייער קאמף,
פון זייער ליד,
פון קאמף און שטרייט
בין מיד איך, מיד.

דערזעלבער ראַש
אױף יעדן אָרט
דאָסזעלבע הויכע
פאלשע וואָרט.

איין טרייסט איז נאָך
פאראַן אצינד:
דאָס קליינע צאַרטע
ליבע קינד.

פאַלשע רייד

איך קען די פאלשע רייד ניט הערן
כהאָב פיינט דעם שמייכל און דעם לאַך
פון מענטשן ווערטער־מיליאָנערן,
וואָס מאכן אָרעם אונדזער שפּראַך.

אַ קלאָלע האַרט אַף מיינע ליפּן:
זיי זויגן אוים פון מיר די פרייד;
ווי פון אַ בייזער שלאַנג דאָס שיפּן
מיך עקלט פון די פאלשע רייד.

מיר

אף אונדזערע כורוועס
שיידים הוליען, טאַנצן;
מייזישע אייגעלאַך
פינקלען ווילד און גלאַנצן...

און מיר, פאַרלאָרענע
איבער וועלטן שפרייזן;
טוליען זיך, דערפראָרענע,
צו א וואנט פון אייזן.

און צום הארצן דריקן מיר
אונדזער הייליק גלויבן;
און די ליפּן אונדזערע —
בענטשן, ליבן, לויבן...

מיר

טרויער פון דוירעס איז אונדזער באַגלייטער;
אונדזערע טריט היט אַן אייביקער שרעק;
טראָגט ער אַ ווינט און אַנאופהער צעשפּרייט ער
בלעטער פאַרוועלקטע אַף אונדזערן וועג.

אָבער די אויגן — זיי ברענען און גליִען;
זידן וואולקאַנען אין אונדזער רויט בלוט;
אונדזערע פינגער די פלינקע זיך ציִען,
בריען אַן אייוועער וואָס דרעמלט און רוט.

לעבן אַף ווידער די גלידער די מידע,
זיכערער שפּרייזן די אַלט־יונגע פיס;
זינגען מיר, זינגען מיר, פרייִדיקע לידער,—
סעפּנט די אויגן דער דרעמלענדער ריז.

מעג אונדז באַגלייטן פון דוירעס דער טרויער,
מעג זיין אַ שוימער דער אייביקער שרעק:
סווערן די הימלען אַלץ זוניקער, בלויער,
סלאַסטשעט די מאַמע־זון אונדזערע טעג!

מיר

(פראַגמענט)

זייט איך קען מיין אייגן פּאָנעם
געדענק איך ניט אַף אים קיין שמייכל.
עס ליגט אַף מיר מיין טאַטנס צאַר,
און דעם זיידנס ערנסטקייט און שטרענגקייט.
און אָפּט פאַרביטערט און פאַרצווייפלט,
גאַר איך נאָך א שמייכל אַף מיין טרוקן פּאָנעם.
איך קאָן אפילע ניט נאָכמאַכן קיין שמייכל:
איך האָב פּרובירט אין שפּיגל שמייכלען —
און סהאָט מיין פּאָנעם זיך אזוי צעקרימט,
אַז כ'האָב דערשראָקען זיך פאַרלאָרן.

דערפאַר האָב איך ליב קינדער:
אַף זייערע לויטערע פּענעמער
שמייכלען זייערע נעשאָמעס,
דערפאַר בין איך מעקאַנע
דאָס פרישע יוגנט-פּאָנעם.
נאָר קינדער און שמייכלענדיקע פּענעמער
מיידען אוים מיך,
ווי איך פלעג מיין זיידן אויסמיידן.

נאָענט זענען מיר: די רעגנדיקע טעג און נעכט,
און גרויע הימלען,
און די שטאָק-פינצטערקייט פון נאכט.
און שמאָלע אָרימע געסלאַך,
מיט האַלב איינגעפאלענע הייזלאַך.

מיר

טייער זיינען מיר אלטע אידן
מיט פּאַרמעט־פּענעמער.
דערפּאַר פּאַסן מיר ניט מיינע העלע קליידער;
און כוואַלט געפילט זיך היימיש,
אין מיין טאַטנס לאַנגע שווארצע קאַפּאַטע.
איך וואַלט באַדאַרפט ארומגיין,
מיט א דיקן שטאַק אין האַנט,
אידישלאַך איינגעבויגן,
און קוקן דורך די ברעמען,
און גלעטן זיך די באָרד באַ א וויכטיקן איניען.

עס וועלען מיינע קינדער
און קינדס קינדער,
די יערושע פון זייערע טאַטעס און זיידעס איבערנעמען:
אף זייערע יונגע פּענעמער
וועט זיך קיין שמייכל קיינמאָל ניט באַווייזן.
און שעלטן וועלן זיי
און בענטשן וועלן זיי
דאָס פאָלק —
וואָס האָט פון זיי
דעם שמייכל אויסגעזויגן,
וואָס האָט זיי טיפע, אידישע נעשאָמעס
געשאַנקן. . .

איך וויין צוזאַמען מיטן אלטן אידן,
וואָס בויגט זיין קאָפּ דעם גרויען, מידן, . .
ווען כלעז פאר אים „פון דאָרט" א בריוו.

די פריינט פון אלע, אלע יאָרן
אין פּאָגראָמען אָנגעוואָרן. . .
ער וויינט. עס בויגט זיין קאָפּ זיך טיף.

איך שווייג. ער שווייגט. מיר ביידע טראַכטן.
איך טראַכט פון די, וואָס דאָרטן שמאַכטן,
ער טראַכט פון די, וואָס זיינען טויט.

ער הויבט זיך אויף, ווישט אוים די אויגן,
פארלאָזט דאָס צימער איינגעבויגן. . .
מיר דוכט — דאָס בלוט איז פריש נאָך, רויט. . .

און אין דעם שטילן וואלד
וואו כבין נאך רו אוועק,
האָט מיך געפּלאַגט זייער ווי,
האָט מיך פאַרפאָלגט זייר שרעק.

און סהאָט די גרינע ערד
מיר אויסגעוויזן רויט;
און פון די בלומען פריש
געווייט האָט, ווי מיט טויט.

עס האָט מיך אופגערעגט
פון פייגעל דאָס געזאַנג:
מיר האָט געדאַכט, איך הער
דעם שווערן גסיסע קלאַנג. . .

עס האָט געשראָקן מיך
די שטילקייט פונם וואלד;
איך האָב אין יעדן בוים
געזען א ווילד געשטאלט.

און ווי פארפאָלגט, געיאָגט,
מיט שוידער און מיט שרעק,
בין איך מיט גיכע טריט
פון שטילן וואלד אוועק.

צו א אינגעלע

בלייכער, מאַטער, אידיש אינגעלע
פון דער בלוטיקער אוקראינע —
אוי, ווי קלוג דו ביסט!
ווייסט אזויפיל. . .
און דערציילן קענסטו אָנאַשיר:
פון פאָגראָמען, באַנדעס, אַטאַמאַנען
און פון געשאָכטענע, צעפיצעלטע
גופים אידישע,
וואָס דיינע אויגן האָבן זיך אָנגעזען.
קליינער העלד!
וויפיל מאָל האָט דער טויט
געלויערט איבער דיר!
און איצט דערציילסטו וועגן דעם —
און שמייכלסט.
און די גאַנצע וועלט איז פאר דיר—
א שפּילפּלאַץ, וואו מען שפּילט זיך
אין מילכאָמעס און פּאָגראָמען;
אין א שפּיל פון בעטלער;
אין א שפּיל פון יאָגן און באהאלטן זיך;
אין א שפּיל פון דרייען זיך און ניט פאלן . . .
און וויסן דארף מען ווי אזוי . . .
און דו — דו ווייסט דאָך, ווי אזוי,
און קענסט נאָך אַנדערע לערנען. . .
און סדוכט זיך דיר, אַז דו ביסט אלט, אלט
און אלעס, אלעס ווייסטו —
אָ, בלייכער, ליבער אידיש אינגעל
פון דער בלוטיקער אוקראינע. . .

אין הונגערלאַנד

פרעסט און שנייען, ווינטן בלאָזן —
כהאָב א שוועסטערל געלאָזן
דאָרט, אין הונגערלאַנד.

נויט און הונגער, פּעסט און פּיין —
וואו קאָן איצט מיין שוועסטער זיין,
דאָרט, אין הונגערלאַנד ?

הייזער—כורוועס, שטעט—רואינען—
וואו קאָן זי זיך איצט געפינען,
דאָרט, אין הונגערלאַנד ?

מענטשן־כאיעס : שאלטן, וואלטן —
וואו האָט זי זיך איצט באהאלטן,
דאָרט, אין הונגערלאַנד ?

בלוט און רויך, שווערד און פיינט —
האָט א שוץ זי, האָט א פריינט,
דאָרט, אין הונגערלאַנד ?

נאָכוויייען

יעלאלעס און געיאָמער ברענגט דער ווינט אונדז.
גסיסע־קרעכצן פאָלגן נאָך אונדז וואו מיר גייען.
אויסגעשטרעקטע ביינערדיקע הענט — פאר אונדזערע אויגן.
אייוורים פון אונדזערע ברידער און שוועסטער—דאָ און דאָרט.
אויגן בעטן אונדז, אויגן רופן אונדז,
אויגן עפנען זיך און פארמאַכן זיך —
אויגן, אויגן. . .
און אין אונדזערע קוילעס, אין אונדזערע רייד —
דאָס כליפּן און אויען פון היימלאָזע, אונטערגייענדע ברידער
און שוועסטער.

און—פּלוצים דערפילן, אַז מיר בלאָנדזשען צוזאַמען
מיט די מעשוגאיעס איבער וועלדער און פעלדער.
מיר—זיינען מעשוגאיעס, —
גוט געקליידעטע, אויסגעפּוצטע, זאַטע מעשוגאיעס.

און אין די רוישיקע גאסן, אַף וועלכע מיר שפּרייזן,
ווילט זיך—אין מיטן לוסטיקן שטאַטישן געפּילדער—
אויסשרייען א ווילד געשריי—
א ווילד געשריי פון אונדזערע מעשוגע געוואָרענע קרוווים.
און אויסשטרעקן אונדזערע הענט צום הימל,
ציטערנדיק און שוידערנדיק —

נאָכווייען

און אַנטלויפן פון די מערדער —
פון די פרידלאָכע דורכגייער אף דער גאַס.
און סווילט זיך צופאַלן צו דער ערד,
איינגראָבן זיך אין איר מיט אונדזערע פיבערהאַפטע פינגער
און פאָדערן פון איר—אונדזער בלוט,
דאָס אומזיסט פארגאָסענע יונגע בלוט. . .
און, פארשמאַכטע, אופשטיין און אויסגלייכן זיך —
דעם קאָפּ געהויבן שטאָלץ,
די אויגן ווייט פארויס,
בארואיקטע, מיט זיכערע טריט —
מיט דעם טויזנטיעריקן גלויבן אין אונדזער בלוט —
גיין ווייטער אף אונדזער וועג. . .

וואַרט... וואַרט...

וואַרט, וואַרט!
און עפּשער וועט פון ערגעץ אימיץ זיך באַווייזן,
אַ הערקולעס מיט פּויסטן־אייזן,
און וועט מיט וואַוט,
מיט ווילדן צאָרן —
זיך טאָן אַ וואָרף
אויף יעדער שטאָט און דאָרף,
וואו אידיש בלוט
פאַרגאָסן איז געוואָרן...

וואַרט, וואַרט!
און עפּשער וועט אַ אידיש קינד,
גאָר דאַר און קליין,
און לייכט ווי ווינט,
ווי דאָוויד, טאָן אַ וואָרף אַ שטיין
און אויסראָטן די ווילדע הינט...

וואַרט, וואַרט!
און אפשר וועט דער בעסטיען־האַס
אין אַ געווויסן־מעשוגאַס
פאַרוואַנדלט ווערן;
און מיט אַ ווילד געבעט,
מיט שטראָמען טרערן,
זיך קומען שלאָגן וועט
דער הונט אַלכעט...

וואַרט, וואַרט...

וואַרט, וואַרט!
שטיי פעסט און גלויב:
פון בלוטיק שטויב
וועט זיך א ווינט
באלד טאָן א הויב,
און וועט אריין געשווינט,
אין יעדן גליד
פון יונגען איד.

וואַרט, וואַרט!
די האַנט איז אויסגעדאַרט —
נאָר סוועט געשען,
ניט ביים די ליפּן אזוי ווילד,
ניט שריי, ניט שילט...
וועסט זען:
ער שאַרט זיך שטיל, ער שאַרט —
דער, וואָס איז פון אונדז געגאַרט.
וואַרט, וואַרט!

מאָשיאַך

אָקעאַנען טרערן, בלוטיק רויט די ערד —
קומען וועט מאָשיאַך אַף א ווייסן פערד.

און זיי אלע נישטיק און זיי אלע שטויב —
קומען וועט צופליען באלד א ווייסע טויב.

און עס הערשט דער ראַצכען און עס בלאַנקט די שווערד—
זען די געולע זיינען זיי דען ווערט ?

וועט זי ניט דער גאזלען נעמען פאַר אַ רויב ?
וועט ער דען ניט שעכטן באלד די ווייסע טויב ?

אָקעאַנען טרערן, בלוטיק רויט די ערד —
וועט מאָשיאַך קומען אַף זיין ווייסן פערד ?

האַרבסט

ווי עס וואלגערן זיך די האַרבסט-בלעטער,
וואלגערט זיך מיין גלויבן:
יעדער טרעט אַף דעם.
און ווי סאיז ליב דער אַראָמאַט
פון די וועלקנדע האַרבסט-בלעטער,
אזוי איז ליב און טייער מיר
מיין אונטערגייענדיק גלויבן.
די יאָנטעף טעג פון אַמאָל
וועקן אַף זיכרוינעס.
אמאליק פרייד טוט איצטער ווײ.
און סציען זיך וואָכעדיקע טעג
אָן גלויבן, אָן פרייד.
יאָנטעף טעג פון אַמאָל —
צו פיינלאך צו דערמאָנען זיך אָן זיי,
צו איינגעבאַקן זיי צו פארגעסן.

די אויסגעהוילטע ביימער האַקט מען אונטער
און גלייך שפּראָצט אויף אַ נייע פלאַנץ;
און וואויל דער טענצערן, וואָס קאָן גאָר מונטער
נאָך אויסטאַנצן איר לעצטן טאַנץ.

און יעדע רעגע פון דיין קורצן לעבן
רעגירט דיזעלבע, זעלבע קראַפט:
מע מאַכט אַ וועג פאַר די וואָס ווילן געבן,
מע דריקט ווי פון פּיירע אויס דעם זאַפט.

דאָס שאָלעכץ, וואָס געבליבן, נוצט מען אויך אויס:
פאַר איינגעמאַכץ, צי פאַרן רינד.
די וועלט דאַרף האָבן נייע, פרישע קויכעס,
און — מאַכט אַ וואַרע פאַרן קינד.

און וואויל איז דעם וואָס קאָן גאָר מונטער
באַגעגענען זיין לעצטן קראַך;
וואָס קאָן — ווען סגיבן זיך די קויכעס אונטער —
פון האַרצן טאָן אַ שטאַרקן לאַך.

מיר — איך און דו, און דער הונט בא אונדזערע פּיס —
זוכען שוץ פאר א שטורעם, ציטערן פון קעלט;
שטרעקן אויס די הענט און בעטלען פאַר זיך שפּייז;
גייען אויס פון שרעק, דערפילענדיק דעם טויט.
מיר — איך און דו, און דער הונט בא אונדזערע פּיס—
ווילן לעבן, לעבן, לעבן . . .

מיר זיינען קלוג און ווילן קליגער ווערן;
מיר ווארפן זיך אף דעם, וואָס קאָן זיך קעגן אונדז ניט ווערן;
באַזויפן זיך מיט בלוט און זאָגן אַז ס'איז — וויין;
ברומען אויס א ליד פון פרייד און ווילדן צאָרן;
טאנצן אף דילן באפלאסטערטע מיט ביינער
פון אונדזערע ברידער און שוועסטער:
צו ראַטעווען אונדזער מין,
אופצוהאלטן אונדזער דא-זיין.
מיר, די גליקלאַכע, וואָס לעבן —
איך און דו, און דער הונט בא אונדזערע פּיס.

ווינטן

מיר זיינען ווינטן, וואָס וואיען אין ווינטער נעכט
און שרעקן איבער קינדער און קראַנקע.
אונדזערע לידער, אונדזער קאַס;
אונדזער גוואורע, אונדזער שאפונג, אונדזער שטאָלץ —
ווינטן, ווינטן, ווינטן.

נו, זינגען מיר, טאַנצן מיר, האַלטען מילכאָמעס און בויען וועלטן;
מאכן צאמען פאר גאָטס ווינטן, פאר גאָטס שטורעמס;
געוועלטיקן איבער גאָטס נאַטור. . .

מיר ווינטן־צאמער — זיינען ווינטן,
וואָס טוען א בלאָז — שטאַרקער צי שוואכער —
און פארשווינדן.

מיר זיינען ווינטן, וואָס ווערן צעבלאָזן פון ווינטן,
וואָס האָבען אונדז אהער געבראַכט;
וואָס נעמען אונדז און בלאָזען אונדז
קעגן פעלדזן פון אייביקייט
און צעבלאָזן אונדז — אין שטויב, אין רוים.

איך און דו — זיינען ווינטן, ווינטן, ווינטן. . .

הענט

דיזעלבע ווארימע הענט וואָס לאַשטשען,
דיזעלבע לאַנגע פינגער וואָס צערטלען,
דיזעלבע ווייכע אָרעמס וואָס נעמען אזוי ליב אַרום —
קענען דען דיזעלבע הענט דערהאַרגענען,
קענען זיי דערשטיקן דעם זעלבן האלדז,
וועלכן זיי האָבן אָנאופהער געגלעט ?

הענט — ווי שיין זייט איר און ווי סוידעסדיק !
ווי צוציענד און ווי אפשרעקנד.
הענט פון אַן אלטיטשקער ליבער מאַמען,
און הענט פון א קאלטבלוטיקן רוציייאך !
הענט — שלוכים פון האַרצן,
בויער פון וועלטן —
ווער קען פארשטיין אייערע סוידעס ?
סוידעס פון לעבען און טויט — אין אייך,
אָ, נאָענטע, געטרייעסטע צו אונדז
וואונדערבאַר פאַרמירטע הענט !

רו

ניט מיט דיין פאַרפירערישן, טייוועדיקן לייב,
ניט מיט דיין ווייבערישן קישעף־רייץ, —
נאָר מיט דעם פאַרשלייערטן בליק
פון דיינע פאַרשעמטע שוואַרצע אויגן,
מיט דער געלייטערטער רו,
וואָס ווייט פון דיין לייב,
האָסטו מיין רו צעשטערט
און מיין פאַרוויגט בלוט אויפגעוועקט.

איז אַ געהענעם מיין לייב;
רעוועט מיין בלוט אין מיר אַזוי,
דאַכט זיך, פּלאַצט יעדער אָדער:
„צו דיר, צו דיר!"
טו איך טפּילע צו דיר,
פּיל איך דיין רו אַרום זיך
און דיין ציטערדיק קאָל,
דיינע שטילע טריט,
דיין פאַרוויגטן בליק
און, אַ, די צאַרטקייט פון דיין מאַטאַוון לייב.

און ווען אַ נאָכגיביקע, אַ פאַרוויגטע,
ליגסטו שטיל אין מיינע אָרעמס,
און פון דיין היים לייב
שטראַלט עס מיט דיין צויבער־רו, —

רו

דאַן ווערט מיין געהענעם לייב
געלייטערט פון דיין געשטראַל,
און מיין ווילד בלוט
שעפּטשעט אין שטילער פרייד:
רו, רו־ו . . .
און דאַן דערפיל איך דיין וועלט,
און צוזאַמען מיט דיר,
ווער איך פארקישעפט
פון דעם געזאַנג
פון דער פארכאַלעמטער רו.

דו ביסט דער פונק וואָס צעגליט זיך,
איך בין דער פייער וואָס פלאקערט פון פונק.
דו ביסט דאָס טראָפּעלע סאַם,
און בין דאָס בלוט דאָס פארסאַמטע פון טראָפּן.

בעטסט דו מיך: זיי ניט קיין פלאקערענדער פייער,
זיי ניט דאָס שטאַרבענדע בלוט.
בעט איך דיך: זיי ניט קיין פונק וואָס צעגליט זיך,
זיי ניט דאָס טראָפּעלע סאַם.

ווייסן מיר ביידע:
זינד ברענגט זינד,
טויט ברענגט טויט.
בעטן מיר זיך איינער באַם אַנדערן,
ביז —
דו ווערסט דער שטויב וואָס דער ווינט שפּרייט אויס,
איך ווער דער זאמד וואָס דער יאַם שפּייט אויס.

פלייש

דאָס אַלץ וואָס כוע אין זיי — איז פלייש.
און זייענדיק מיט זיי צוזאַמען, דערמאָנט מען זיך אָן יאַטקעס.
ווי סרייצט דעם הונט דער יאַטקע־קלאָץ,
אַזוי רייצן אונדז — אין גאַס אין הויז —
די ווייסע העלזער, די שלאַנקע פיס און בריסטן.
יונג און אַלט — פלייש, ווארים פלייש!
אַ געפּאַקטער זאַל מיט מענטשן — וויפל פלייש!
און סשטויסט דיך אָפּ.
נאָר סווילדע בלוט אין דיר, דיין לוסט —
ווי באַ א רויב־פויגל די נעגל —
גאַרט נאָך ווארים פלייש.
ווי פארשיקערט ווערט דיין גאַנצער גוף,
ווען ספּילט דיין אָטעם נעבן זיך דעם רייאַך פון וואַרים פלייש!

אָ, ווען סווינקט צו דיר פון ווייט דאָס פלייש
און קענסט עס ניט דערגרייכן!
דיין טיפער פּיין, דיין שטאַרקער צאָרן, דיין גרעסטער הונגער—
ווען ספּעלט דיר פלייש, ווארים פלייש.

אָ, ווייך ווייבעריש לייב! אָ קראַפטיק מענעריש פלייש!
עס זינגט צו אייך א לויב־געזאַנג דאָך גאָר די וועלט.
דאָס שענסטע ליד פון אַלע צייטן
איז בלויז געווען צו דיר, פאַר דיר —
אַ ווארים מענטשנפלייש!

איך בין א זינדיקער, איך ווייס:
פארשאָלטן זיי דער טאָג פון מיין געבאָרן!
איך האָב געוואָלט באשיצן אייך פון בייז —
און בין א זינדיקער אליין געוואָרן.

איר זייט געווען באהערשט פון לוסט;
מיט שאַנד און שמוץ איז פול געווען אייער לעבן,
און מיטלייד האָט געהאַט מיט אייך מיין ברוסט,
איך האָב געוואָלט א ברודער־ראַט אייך געבן.

איך האָב געוואָלט באשיצן אייך פון בייז —
און בין א זינדיקער אליין געוואָרן.
איך בין א זינדיקער, איך ווייס —
פארשאָלטן זיי דער טאָג פון מיין געבאָרן!

* * *

איך האָב באליידיקט דיך, געזינדיקט קעגן דיר—
און דיינע אויגן האָבן מילד געקוקט אף מיר.
איך האָב מיט מיינע רייד צו טרערן דיך געבראַכט —
געזען איך לייד דערפון, האָסטו זיך באלד צעלאַכט.
איך האָב געזאָגט: איך גיי. איצט וועסטו גליקלאַך זיין.
דיין בליק געזאָגט: אָן דיר וועל אויסגיין איך פון פיין. . .

זינד

זאָג, ווען קומען א דערלייזער
און באפרייען אונדז פון זינד ?
אונדזער בלוט ווערט ווילדער, בייזער,
אונדזער אויג פון לוסט ווערט בלינד.

מיר ווילן זיך אליין דערשטיקן :
פון דרערד וועט שרייען אונדזער בלוט
און צום הימל קלאָלעס שיקן.
וויים דען אימיץ וואָס ער טוט —

אַז דאָס בלוט אין אונדז ווערט ווילדער,
אַז עס פרעסט אונדז אָף די זינד ;
אַז דאָס אויג זעט גהענעם בילדער,
און עס בילן אין אונדז הינט.

און אין נעכט פון ווינט און רעגן
יאָמערט אונדזערער אַלכעט :
„ווייז אונדז, ווייז די גראדע וועגן,
שענק דעם זינדיקן א גלעט.

איז אונדז באַשערט צו בלייבן שקלאפן,
צום הערשער־זינד, וואָס צאָלט מיט פיין ?
און האָט מען אונדז דערפאר באשאפן
טאַליאָנעס אייגענע צו זיין ?

צו א גרויען פרויען-קאָפּ

שיין פארקאמטער גרויער פרויען-קאָפּ!
דו זינגסט א לויב צו דעם וואָס טראָגט דיך.
און קוקענדיק אָף דיר
ווילט זיך זינגען,
אויסזינגען א לויב-געזאַנג צו דיין שיינער גרויקייט,
וואָס שמייכלט מיט אַזאַ ברייטער הארציקייט און גוטסקייט,
וואָס טראָגט אָף זיך דעם שטאָלץ
פון גענעראַלישן מילכאָמע-וועטעראַן.
יעדע גרויע האָר אָף דיר
פארזיגלט אין זיך סוידעם פון באזיגטע יאָרן.
יעדע גרוי-געוואָרענע האָר
האָט געבראַכט פריידיקע פּסורעס,
וואָס שטאַמען פון יעסורים און פּיין.
שיין פארקעמטער גרויער פרויען-קאָפּ!
וואָס שטראַלט מיט אייביקער מוטערליכקייט,
וואָס פארשפּרייט ארום זיך
די גרויסע ליבע פון דעם,
וואָס באשאפט און נערט אלץ וואָס לעבט.
דו ביסט מיין טרייסט
אין שאָען פון נישטיקייט;
אין דיר געפין איך רו,
ווען אלע קויכעס פון פארטיליקייט האָבן מיך ארומגערינגלט.

איך וועל פארמיידן...

איך וועל פארמיידן שטענדיק סהויז,
וואָס טרייבט די גוטע פרייד ארויס.
און מעג דאָס הויז זיין ציכטיק, ריין
און העל באהאנגען מיט גארדינען;
דאָס מעבל אויסגעשטעלט גאָר פיין,
קיין שטויב אין ערגעץ צו געפינען, —
נאָר הערט מען ניט קיין פריידיק וואָרט,
פארבלייבן קען איך מער ניט דאָרט.

א שטילע פרייד דארף הערשן אימער
אין יעדן ווינקל פונם צימער.
סאיז פרייד פאראן אין יעדן מענטשן,
און יעדעס הויז האָט פרייד אָנשיר;
די פרייד וועט יעדן איינעם בענטשן,
וואָס עפענט נאָר פון הויז די טיר.

מיין ערד

מיין ערד

טיף אין די געדערים פון דער ערד,
אף וועלכער איך טרעט,
ליגן מיינע אויצרעס באַהאַלטן,
ליגן מיינע זיידעס און באָבעס —
געטרייע שאפערס פון די אויצרעס.

מיט א שטעקן אין דער האַנט, באַטראַכט איך
מיינע וועלדער, פעלדער, מיינע וואסערן, מיינע הימלען —
אלע אונטערטאַנען וואָס לעבן אין זיי.

די גאַנצע ערד — אַן אַלטער, אַלטער ביים-האַקוואָרעס;
יעדע פלאנץ און זאמדל — הארץ און בלוט פון מיינע אָוועס.
די גאַנצע ערד — א צעבראָכן, דורכגעלעכערט האַרץ,
א מעם וואָס האָט מיליאָנען יאָר געקעמפט פאר מיר.
זעץ איך אוועק זיך אף א גרין בערגל א פארטראַכטער:
די ערד זינגט מיט יוגנט-פרייד צו מיר,
די ערד פרייט זיך,
און דוירעס, דוירעס, גאָר טיף אין דרערד,
שיקן גרוסן צו מיר —
(דורכן אַראָמאַט וואָס שלאָגט פון דער ערדס נאָזלעכער ארויס)
און איך גיב צומאָל קיין שמייכל ניט. . .

איך בין צו זאַט שוין פון מיין ערד
און אלע אירע וואונדער. . .

פייערן

עסטער'ן

דאָס צינדן זיך פון לאָמפּן, פייערן:
אין גאַס, אין הויז, אַף וועגן און אַף מויערן;
דער רויטער שיין פון סאָפּנדע לאָקאָמאָטיפן;
פּראָמעטעוסעס געשאַנק אין מיטן יאַם, אַף שיפן —
דאָס אַלץ, דאָס אַלץ, דערמאָנט אַז נאָענט איז
די גאַנצע וועלט אונדז, דער מוירעדיקער ריז.

און סטרעפּט, אין נעכט, ווען ווינטן בלאָזן
דיר אין הארץ אריין, ווען איינזאַם און פאַרלאָזן
דו גייסט ארום צווישן הויכע מויערן,
און פילסט, ווי סלויערן
אַף דיר, פון אַלע עקן,
פון פינצטערניש, די שרעקן —
דערזעסטו שטילע פייערן,
מיט אַ בליק אַ ליבן, טייערן,
פינקלען, קליין און גרויס,
אַף דער גאַס, אין הויז —
אין אַלע ווינקלען פון דער נאַכט,
פייער שמייכלט, פייער לאַכט,
פייער טרייבט אוועק —
שרעק.

פייערן

אין טעג פון צאַר און טרויערן,
ווען סרינגלען אונדז ארום די פיין, ווי מויערן,
דאן ווייזן זיך — ווי אין נעכט דאָס פייער —
געשטאלטן ווייטע, וואָס ווערן נאָענט, טייער —
און שמייכלען שטיל אין אונדזער הארץ אריין
און פארטרייבן צאַר און פיין.
און ווי עס זוכט דאָס אויג אין פינצטערניש די פייערן,
זוכט סהאַרץ—אין פיין—א בליק, אַ ליבן, טייערן.
און אין אַלע טעג, ווען מישסט צוריק,
ווערסטו געפינען א שמייכל און א ווארימען בליק.

נאַטור

גייסט ארויס גאַנץ פרי אין פעלד,
א גוט-מאָרגן זאָגן דיר די זאַנגען;
און סבאגריסן דיך אומעטום
צאַרטע פייגעלשע געזאַנגען.

און שטיל איז, שטיל ארום.
שמייכלען בלימלאך אויסגעפוצטע דיר אַנטקעגן;
און וואו דו ווארפסט דיין בליק —
צעשפרייט ליגן ליכט און פרייד אף אלע וועגן.

און פאַרנאַכט — פון אַרבעט מיד,
באגעגנען דיך מיט שטילער פרייד די וועלדער;
די לעצטע זונענשטראַלן גלעטן דיך,
און עס קוויקן דיך די רייכעס פון די פעלדער.

גוט איז, ווי א מאמע, די נאַטור:
קענסט ניט בייז זיין, ווען דו ביסט מיט איר צוזאַמען.
פייגלאך, בלומען,ביימער, גראָז און מענטש —
אלע זיינען ליבע קינדער בא דער מאַמען.

באַם יאַם

א.

די ברייטקייט פון יאַם —
אין מיין וועלט, אין מיין וועלט;
די פלאַטערדיקע ווייסע וואסער-פייגל —
אין מיין געדאַנק, אין מיין בלוט;
דער הויכער צעשפּאָלטענער פעלזנברעג —
מיין לעבן, מיין איך.

ב.

צוזאַמען מיט דעם רעוון
פון די שוימענדיקע ווילדע כוואַליעס,
ווילט זיך אויסשרייען
מיין ווילד געשריי,
ווילט זיך שליידערן
מיין ווילדע אומרו —
צו די כוואליעס.
זאָל זי צוזאמען מיט זיי
זיך אָנשלאָגן אָן דעם פעלזענשטיין
און צעשמעטערט ווערן,
ווי דער וואסערשטויב.

ג.

עס שפּרינגען מיר אַנטקעגן
מיט ווילדער כוצפּע,
די וואַיענדיקע כוואַליעס;
פון אלע זייטן קומען זיי.
בילן אוים
זייער צערייצטן צאָרן;
דראָען מיט זייער ווייסער גוואורע.
זיץ איך מיר אף א פעלז
און ווארט אף דער ווייסער שיף,
וואָס דארף אָנקומען —
און טראַכט:
מיינע טעג אויסגעצערטע, קלאַגנדיקע,
ווי די כוואַליעס, דערצאָרנטע און צערייצטע,
מאָנען בא מיר
און דראָען מיך,
ווילד און ווילדער. . .
און איך אויף מיין פעלזנטרוים,
קוק אינדערווייט
און ווארט אף מיין דערלייזער.

ד.

שלאָגן זיך, שמעטערן זיך כוואַליעס אַן ברעג—
ווילט זיך מיר זינגען פון ווילדער פרייד.
גרויס איז דער יאַם, ווילד איז דער יאַם —
ווילט זיך מיר אויסטאַנצען א לויב צו אים.
ווארפן זיך ווייסע וואסער־פייגלען
אין די אָרעמס פון די כוואַליעס —
ווילט זיך מיר אריינגעמען
די וועלט אין מיינע אָרעמס.
ברומען מיר לויפענדע ווינטן אין אויער אריין—
ווילט זיך מיר לויפן, נאָכיאָגן זיי.
זעט זיך א רויך פון א שיף אינדערווייט —
ווילט זיך מיר זיין, ווי דער רויך —
ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט. . .

פארנאכט, באַם יאַם

פאַרנאַכט, באַם יאַם, ווי גוט עס איז צו זיצן!
דאָרט הינטער מיר, אין מיירעוו זייט, די זון פאַרגייט.
וואו כווארף מיין בליק: אין צאַפן, דאָרעם, מיזראַך —
א פורפור־בלויער האָריזאָנט ליגט אויסגעשפרייט.

איך זיץ מיר אף א פעלז א גרויען, גלאַטן
און וואַנדער שטום אין וואונדערבאַרן טרוימען־לאַנד.
בא מיינע פיס דער יאַם ליגט א גרין־בלויער
און רוישט און וויגט זיך, רוישט און וויגט זיך, נאָכאַנאַנד.

א ווינטל קומט פון יאַם די ערד באַגריסן;
און אויבן איבער מיר א פויגל־ראַד זיך דרייט;
און שטילער, שטילער ווערט. עס רוישן בלויז די כוואליעס.
און אין מיין יעדן אייווער זינגט א שטילע פרייד.

און קופער־רויט דער הימעל הענגט אין מיירעוו זייט;
בא מיינע פיס דער יאַם ווערט טונקל בלויער;
די פייגל פליען זינגענד אָפּ אין מיירעוו זייט;
די ווייטע האָריזאָנטן ווערן גרויער.

די כוואליעס ווערן טונקלער. סוויגט זיך שטיל דער יאַם.
א ווייסער זעגל שווימט אין ווייט געלאסן.
און אימיץ שעפּטשעט אין דער לופט: „די נאַכט קומט אָן.“
דער יאַם צעשיידט זיך מיטן טאָג דעם בלאַסן.

אף א שיף

שווימט א שיף אפן יאַם,
אָפן יאַם דעם ברייטן;
ווייסער שוים, זילבער־שוים
טוט די שיף באגלייטן.

הימל־בלוי, וואסער־גרין
ליגט פון אלע זייטן;
און די שיף — הין און הער —
שווימט אין וועג דעם ווייטן.

אף דער שיף יונג און אַלט
פילן זיך גאַנץ זיכער;
און די שיף סוואסער שניידט —
גיכער, גיכער, גיכער.

און א קינד בײַ דער „נאָז“
קוקט אין וואסער טיפן,
און די כוואליעס טונקל־גרין
יאָגן זיך און שטיפן.

רעגנס

רעגענס קומען און דערציילן
סוידעס אין דער נאַכט אריין.
ווייסט ניט וואָס די סוידעס זיינען,
נאָר אנויפהער הערסט זיך איין.

דאכט זיך דיר אַז אָנגעקומען
זיינען רעגענס גאָר פון ווייט ;
גיבן איצטער איבער גרוסן
אונדזער ערד פון פרעמדע לייט.

ערגעץ איז א וועלט פאראַנען —
ווייסן גאָרניט מיר פון איר ;
ערד וויל וויסן, קומען רעגנס
ברענגען נייעס אָנאשיר.

און אין אונטן זיי פארוויגן
מיט די מייסעס איין די ערד,
וואָס דערציילן זיי, די רעגנס,
וועט אונדז וויסן זיין באַשערט ?

אין רעגן.

1.

כוואַליעדיקע, גרויע וואָלקנס
האָבן פאַרטונקלט
דאָס נאָכמיטאָגדיקע ליכט אין דער שטאָט.
האָבן אין מוירעדיקע מויערן
עלעקטרישע לעמפּלאַך זיך אופגעכאַפּט,
די אייגעלאַך געעפענט
און ארויסגעשיינט.
האָבן גרויע רעגנס
זיך געקייקלט
און געפייקלט
כליאַפּ, כליאַפּ —
אַראָפּ.

עס איז געווען פאַרנאַכט.
האָבן ווי א וויכער ווינט, געשווינט
מענטשן־שטראָמען זיך געלאָזן —
פון דעם אַרבעטס קעסלפּויק
אוועק שנעל, שנעל
א היים ;

צו דער זיסער רו,
צו דער ווייב, צום קינד —
שנעל, שנעל.
פון פאבריקן און קאנטאָרן,
און פון שעפּער און פון קראָמען,
צו די קארן, צו די באַנען,
וואָס פון אויבן און פון אונטן.

.2

ווער הארט אין גרויסן רעגן,
באַם ארויסגאַנג פון די באַנען,
געדולדיק־אומגעדולדיק,
מיט שירעמס אין די הענט ?
ווער זוכט ארום, מיט ליבע אויגן, אימעצן,
ווען משפּארן פון די באַנענמיילער
מענטשן וואסערפאלן זיך ארויס ?
ווער ווערט געשטופּט, געשטויסן
אין שטורמדיקן געדראַנג ?
דאָס זיינען ליבע קינדער,
וואָס ווארטען אַף די טאַטעס,
זיי זאָלן אין דעם רעגן
ניט ווערן דורכגעווייקט
און קומען שנעל אהיים.

3.

געפינט א קינד א טאַטן אוים,
שטראַלט אויף זיין בליק:
„אָ, פּאַ!“
און סלויפן גיך געטוליעט,
אין דעם גרויסן רעגן,
מיט שירעמס דעכער איבער די קעפּ,
א קינד מיט א טאַטן,
א קינד מיט א טאַטן,
אהיים, אהיים.
און ביידע פרייען זיך
און לאכן פון רעגן.
און שטאָלץ און פריילאַך
קומט סקינד אין הויז אריין:
אהיים געבראַכט דעם טאַטן,
אהיים געבראַכט דעם טאַטן.

רעגן

דונערם קנאַלן, קנאַלן, קנאַלן;
בליצן זיגזאַגיקע —
ווי בלאַנקע שווערדן אַף דער זון —
האַקן דורך די דיקע שוואַרצקייט פֿון מײַן צימער —
און זיי שרעקן, און זיי שרעקן;
און די שטראָמען וואַסער וויינען, וויינען
אין מײַן האַרץ אַרײַן.
האָט אַ קר־ר־אַך געטאָן אַ דונער
אַזוי מאַכטיק, אַזוי גרויזאַם...
בליצט עס דורך אין מויאַך:
אימעצן געטראָפֿן!
אַזש די לופֿט האָט זיך דערשראָקן,
און אין אויער מיר אַרײַנגעפּייפֿט:
„אימיצן דערשלאָגן!"
אַ לעבן וואָו אַוועקגערויבט.
אָנגעפֿאַלן אַף אַ בוים, אַ פּאַטריאַרך,
אויסגעפּליקט אים מיט די וואָרצלען —
ליגט ער מיט די נאַקעטע וואָרצלען אַרויף, צום הימל,
וואָס פֿרעגן גויסעסע:
„איז דאָס דער טויט?
און די פֿרישע אָפֿענע גרוב דערנעבן,
אַ פֿאַרבלוטיקטע,
קלאָגט פֿאַריאָסעמט.
און אַף די ביימער אַרום פֿאַלט אַ פּאַכעד אָן,
דערזעענדיק דעם גויסעס.

אָדער —
אין א הייזקע — צווישען פעלדער —
איז דער בליץ אריין; די באַלעבאָסטע אומגעוואָרפן;
איז געוואָרן א יאָמער, א געשריי,
ווי מע וואָלט דעם מערדער נאָכגעיאָגט:
„כאַפּט דעם מערדער, כאַפּט אים!“

אין דרויסן וויינט דער רעגן,
וויינט אריין אין הערצער.
די לופט איז פול מיט צאָרן;
מיט צאַרטע מעלאַנכאָליע;
מיט קריצענדיקע ציין;
מיט לאסטשענדע קלאַנגען.
שילטסט דעם שטורעם,
און אין הארצן ווילסטו:
זאָל ער שטערן און צעשטערן,
זאָל ער קלאָגן, קלאָגן דיר אין הארץ אריין.

א רעגן אפן לאנד

די זון האָט א גאנצן פרימאָרגן געבראָטן.
מיר זיינען געלעגן באהאלטן אין שאָטן
פון נוסבוים דעם אַלטן, פארטיפט אין א דרימל;
געטריי האָט געהיט אונדז דער קלאָר-בלויער הימל.

האָט פלוצלונג געגומען אונדז אימעצער וועקן,
אזוי ווי א הונט וואָלט דעם פּאָנעם אונדז לעקן, —
און ספּאלען שוין ווארעמע טראָפּעגס פון רעגן
און וואשן אונדז, וואשן דעם וואלד און די שטעגן.

מיר האָבן מיט פרייד-אויסגעשרייען געלאָזן
זיך לויפן אין וואלד אריין — טיף אין די גראָזן —
צום טייך, וואָס איז רואיק אין וואלד זיך געפלאָסן.
געבליצט האָט, געדונערט, דער רעגן — געגאָסן.

די קליידער ארונטער, אין טייך שפּרונג—געשפּרונגען;
און ווייט האָבען אונדזערע קוילעס געקלונגען.
געשוואומען, געטונקט זיך און קונצן באוויזן,
געבארעט אין גראָז זיך, ווי עמעסע ריזן.

דער רעגן פארגאַנגען, די זון ווייזט זיך ווידער;
די פייגל אין וואלד זינגען זאָרגלאָזע לידער;
דער וואלד שמעקט. מיט פּערל באַשאָטן די וועגן.
עס פרייט זיך און זינגט אלץ: א דאַנק פארן רעגן!

מיר

מיר, גליקלאכע, געבאָרענע אין שטאָט,
ווי איינזאַם זיינען מיר אין וואלד!
מיר — אָפּשפּעטער פון שעד און גאָט,
ווי שרעקענדיק און ציטרענדיק און קאלט,
מיר ווערן, ווען א דונער פאלט —
אין וואלד!

מיר, אויפבויער פון וועלטן ניי —
ווי זיינען אונדז די טראָפּנס רעגן שווער;
דיקטאַטאָרן פון אייזן, בליי —
סאיז אונדז די קלענצטע פליג א שטער,
און אויסצוהאלטן פון איר קיצלען מער —
איז שווער.

מיר — שטאָלצע, העלדן, ריזיק, שיין;
צו אלעם גרייכענדיקע שנעל געשווינט —
ווי נישטיק זיינען מיר און קליין,
ווען שטיל אין מיירעוו-זייט די זון פארשווינדט;
ווען סרייט פארביי א שטורעם-ווינט
געשווינט.

האַרבסט

די שענסטע פייגל אַפּגעפלויגן ;
די לעצטע רויזן בליען ;
דער זאפט פון פלאנצן אויסגעזויגן ;
די ברוינע בלעטער פליען.

די צייט פון שטאַרבן אָנגעקומען —
טאָ זאָל עס זיין וואָס שענער.
און מעג דער ווינט אלץ שטאַרקער ברומען —
עס זייגען שיין די טענער.

פון וואלד און פעלד ווי רייך די פארבן ;
סבאצירט נאָך גרינס די וועגן. . .
און איז באשערט נאַטור צו שטאַרבן,
באוויינט דאָך זי דער רעגן. . .

אַ, רו — מיין בעסטער פריינט
אין שאַ פון נויט —
קום צו מיר, זיי נעבן מיר אצינד.
זיינען דאָך די בלומען אין פארק אזוי פארבנרייך;
פליען דאָך די פייגל אזוי זאָרגלאָז ארום;
האָט דאָך דער רעגן אָפּגעוואשן
דעם שטויב פון גאס; —
פארוואָס פייניקן מיך פרעמדע שרעקן
און טרייבן מיך — ווער ווייס וואוהין?
רו — געטרייע שוועסטער מיינע —
וואו ביסטו אַצינד?
אָ, ווי בין איך מעקאַנע
די רו פון פּאַרק, פון גראָז,
די רו פון הימל.
אָ, דער דיקער שטויב אויף מיין געמיט;
אָ, רעגן פאר מיין פרייד!
רו— מאַמע פון מיינע כאַלומעס —
זיי נעבן מיר אַצינד.

א מאַמע

נאכט. אלץ שלאָפט: ביימער, גראָזן, פייגל.
פייער־פליגן, ווי די פונקן, שוועבן און פארשווינדן.
א זש...זש...זש... אין דער לופטן.
רו—ו—ו.

שלאָפט דער פּאַרמער אָפּן גאַניק,
שלאָפן ווייב און קינד אין הויז,
שלאָפט די מאַמע־ערד.
שטי—י—יל.

שלאָפט דער אַלטער וואלד.
אין זיין בודקע שלאָפט דער הונט.
און אין הינער־שטייג
שלאָפט די מאַמע־הון אָף אירע הינדעלאַך,
און די ווייסע קאַץ אָף די טרעפּ — שלאָפט.

נאָר אין שטאל — צווישען די קי —
שלאָפט נאָך ניט די מאַמע־קו —
און זי מוקעט און זי וויינט,
דורך דער טיר ארוים אין דער נאַכט אריין:
„מו—ו—ו!
הערט מיך אוים:
מהאָט מיין קינד מיר צוגענומען.
מו—ו! גיט מיר אָפּ מיין קינד...“

אלץ שלאָפט.
„מו—ו—ו!“ הויך און העכער, אלע זאָלן הערן.
צוגערויבט דאָס ניי־געבאָרן קינד בא דער מאַמען.
סקלאָגט אַ מאַמע אין דער שטילער נאַכט אריין...

דער בלינדער מיטן הינטל-פריינט

אף אונדזער גאַס איז דאָ א בלינדער;
דער בלינדער האָט א הינטל-פריינט;
שפּאַצירן גייט מיט אים דער בלינדער,
ווען העל די זון אין דרויסן שיינט.

דער הינטל-פריינט אים ווייזט די וועגן
און שטעלט אָפּ יעדן ראָג זיך אָפּ.
צי סקומען אָטאָס זיי אַנטקעגן
ער זוכט און דרייט מיט שרעק דעם קאָפּ.

און סהאָבן ליב בא אונדז די קינדער
פארברענגען מיטן בלינדן פיין;
און ווען סדערציילט זיי וואָס דער בלינדער,
הערט סהינטל אויך מיט קאָפּ זיך איין.

דער בלינדער האָט א דיקן שטעקן;
ער קלאַפּט און טאַפּט מיט אים דעם וועג.
דאָס הינטל טוט דעם שטעקן לעקן,
ווען סזעצט דער בלינדער זיך אוועק.

און איינמאָל האָט עס אָנגעפאַנגען
צו רעגנען שטאַרק אף זייר שפּאַציר,
איז הינטל דאמאלט צוגעגאַנגען
מיט אונדזער בלינדן צו א טיר;

געוואַרט ביז סאיז דער גאַס אריבער,
ארוים צוריק — ווען סהאָט געשיינט.
עס ווערט דאָס הינטל מיר אלץ ליבער,
ווען כזע ווי טריי ער היט זיין פריינט.

אַ מאָדנע וועלט

קינדער לויפֿן אום אין גאַס,
שפּילן זיך און שרייען;
זיצט אַלטיטשקע אין הויז,
קרעכצן, הוסטן, שפּייען.

קלאַפּט אין טירן אָן דער פֿראָסט,
רופֿט צו זיך די אַלטע;
קינדער לויפֿן אום אין גאַס
אין די טעג די קאַלטע.

קומט אַ זינגער אָן פֿון ווייט;
רינגלען אים אַרום די קינדער;
שרעקן זיך די אַלטע לייט:
דער זינגער איז אַ בלינדער.

ווינקט די זון אין הויז אַריין:
„אַרויס פֿון אײַערע לעכער!"
און אַ גאָלדענער באַלעט
טאַנצט אויף אַלע דעכער...

נעכט

פארנאכטן

1.

סוועט פינצטער ווערן באלד.
דיין אויג וועט שטאַרן אין דער נאַכט אריין.
און דו וועסט שעפּטשן פארלאָרן:
ווי קליין בין איך, ווי נישטיק.
און זי—די נאַכט—וועט אויסטאַרטשען די אויגן אירע
און רוקן זיך מיט איר שווער, גרויס לייב —
אַף דיר, אַף דיר. . .
אָט, אָט — און זי וועט דערשטיקן דיך.
און דו וועסט פילן זיך ווי א קליין צאַרט דערשראָקן קינד
און לעכצן נאָך אַ גרעסערן, א שטאַרקערן פון זיך,
וואָס זאָל דיך אריינגעמען אין זיינע פעסטע ארעמס
און באשיצן דיך פונם מאָנסטער —
פון דער נאַכט.

.2

פארנאכט. אפן בארג אליין.
אונטן וויגט זיך דער יאם.
די זון—ניטאָ מער,
דער הימל—קאָלירנרייך.
סאיז שטיל.
ארום מיר — דאָס שעפּטשן פון גרילן,
דער לעצטער טריל פון א פייגעלע.
די כוואליעס לעקן אָנויפהער די פיס פון בארג.
סבאווייזט זיך דער ערשטער פינקלדיקער שטערן.
דאָס אלץ איז שיין,
נאָר סאיז מיר שוין
אזוי גוט באקאנט.
ווי סווערן דערעסן די קליידער,
וואָס דאָס ווייב טראָגט אָפט,
אזוי ווערט נימעס מיר,
דער פוץ פון דער ליבער נאַטור.
און אויב איך בענק פאַרנאַכט —
איז נאָך עפּעס,
וואָס כהאָב נאָך ניט געזען,
וואָס זאָל מיך אופברוייזן,
ווי א שטורעם דעם יאַם.

אָקטאָבער-נאַכט

אַ העלע, לאַשטשענדע אָקטאָבער-נאַכט!
צו וואַנדערן אַזוי און איינזאַפּן אין זיך
דעם אַראָמאַט פון בלעטער-פאַל;
צו גיין און גיין, ניט מיד ווערנדיק,
ווי אין אַ צויבערלאַנד;
און ווערן ניי און זען אַלץ דורך וואונדער-ליכט;
און הערן יובל-טענער שטראָמען דורכן רוים,
און פילן, אַז עס זינגט אין מיר
אַ יעדער אייוועך — אַ געזאַנג פון פרייד;
צו זינגען הויך אַ לויב געזאַנג
צו דיר, אָ, ליכטיקע אָקטאָבער-נאַכט!

אוונט-שפּאַציר

נעבן דיר—א מויער, א מוירעדיקער ריז, א הערקולעס.
זיין קאָפּ אין א וואָל פון פינסטערניש פארשלייערט,
און קוקענדיק מיט דיין מילביק קעפּל ארויף צו אים,
זעסטו נאָר זיינע משונע-ברייטע פּלייצעס,
וואָס סטארטשן פון דער פינסטערניש ארוים,
אומבאוועגלאַך, באַרימעריש :
„קוק מיך אָן — און ווער פאַרציטערט !“
נאר דו — דערשרעקסט זיך ניט.

עלעקטרישע שילדן — ווי די אויגן
בא אויף קוינים האַרנדיקע גאסן-מוידן —
ווינקן : „צו מיר, צו מיר.“
און דו גייסט זיי גלייכגילטיג פאַרביי.

טראַם-געקוויטש, רעדער-גרילץ, טריט-געריטש,
באַן-געסווישטש,
מאשין-געהאַסט, געשטוים, געקוועטש, ברום און זשום —
איין מאַכטיק ליד, וואָס קלינגט און זינגט :
„פאר דיר, פאר דיר.“
און דו — א שפּאַן אהער, אהין, אָן זין.
און אָף דיינע ליפּן א פוילער שמייכל —
מויכל . . .

נאַכט-אימפּרעסיעס

1

איבער שווייגנדיקע גאַסן שפּרייזן
אין דער שפּעטער נאַכט.
טראָטואַר — אַספּאַלט און צאַמען — אײַזן,
טיר און טויער פֿאַרמאַכט.

שוואַרצע סוידעס ווינקען פֿון די הײַזער,
שרעקן, ציען צו.
שנעלער שטעלט די טריט זײַנע דער שפּרײַזער —
סוואַרט אַף אים די רו.

טרייסט איז אים דאָס ליכט פֿון די לאַמטערן,
נאָר סלעשט ווער עס אויס,
ווען מע לעשט דאָרט אויבן אויס די שטערן,
ווען די רו איז גרויס.

2

ווי אף אימיצנס א וואונק,
איז שטיל געוואָרן אַלץ אַרום.
סאיז נאכט־רו.
ווי אין א מוישעוו זקיינים הויז,
וואו מע רוט זיך שווייגנד אפּ פון לעבנס־גערודער,
שווייגט רוענדיק די שטאָט
פון טאָגס־געטומעל.
בלויז דיכטער, ווי די סאָוועס,
ווערן וואך
און ציילן, ווי א קרעמער באם פארמאכן זיין קראָם —
דעם פּידיען פון זייערע נעשאָמעס פאר'ן טאָג ;
בלויז גאסן־שוועסטער —
ווי די באַרמהארציקע שוועסטער, אף דער נאַכט־וואך
אין שפּיטאל —

זיינען וואך :
צו טאָן די נויטווענדיקע דאַנקבאַרע ארבעט,
פאר אומגליקלאַכע קאָרבאָנעס
פון גרויסן וועלט־הונגער.

3

שילדן פון האַטעלן,
זוינעם און באָרדעלן
ווינקן, זאָגן צו ;
און א טרעמפּ א מידער,
פאר זיין בינטל גלידער,
זוכט רו.
איבער פוסטע גאסן
הערשט געלאסן
איצט די נאַכט ;
קאַרן באַראַבאַנען
און עס קלינגען באַנען —
אימיץ וואכט . . .
צו די ווענט זיך טוליעט,
איינער וואָס געהוליעט
און געשיקערט האָט ;
עפּעס א צעדרייטער
גייט, מיט הענט צעשפּרייטע,
און רעדט צו גאָט. . .

נאַכט-ליד

ביימער-גערויש און קעץ-געיאָמער;
זייגער-טיק און קאַר-געברום;
באַן-געסאָפּ און ווייט געדודער —
איך וואַרט אַף דיר, אָ, קום;

נאַכט און רו, ווי טויטע ווערעם.
און מיין אויג איז וואַך און ווילד;
שלאָף און רו און באַן-געהאַמער —
איך וויין און לאַך, איך בעט און שילט.

קום, אָ, קום! די וועגן — לערע,
פון די ווינקלען ווינקט די זינד;
שרעק און פּיין מיך שטיקן, ווארגן —
קום, אָ, קום. אָ, קום, געשווינט!

באַנאַכט

כלעש אוים דאָס ליכט. פאַרמאַך די אויגן.
פאַר מיר שוועבט דורך דער גאַנצער טאָג:
געשטאַלטן, פענעמער, קאָלירן,
און אַלץ נאָר וואָס איך טו און זאָג.

מע האָט באַליידיקט און גענאַרט מיך
און קעגן מיר באַגאַנגען זינד —
איך האָב געליטן און פאַרגעבן,
ווי סטוט א פאָטער צו זיין קינד.

מע דאַרף געפינען דאָך נאָר גוטעס —
צי שלעכט געטאָן, צי שלעכט געמיינט,
מיר זיינען אַלע דאָך ווי קינדער:
אָט וואָס געלאַכט און שוין געוויינט.

די נאַכט איז שוואַרץ. צו מיר אין פענצטער
אָן אופהער קלאַפּט דער ווילדער ווינט.
און מאָרגן שטיי איך אויף א פרישער —
און פריי דערפאַר זיך ווי א קינד.

טויט

טויט

מיין ערד ווינקט צו מיר מיט זיבן טויזנט אויגן —
און איך — איך גיב אַ מאַך מיט מײַנע הענט
אין ביידע זייטן
און כזאָג צו איר:
דו לאָז צורו: איך האָב קיין צייט נישט.
אָבער וואו איך זאָל זיך נישט געפינען:
אין שטוב, אין באַן, צי אַף אַ שיף אין מיטן יאַם,
צי פאַרוויגט אין די אָרעמס פון זיסן שלאָף —
אומעטום רופט מיך, ווינקט צו מיר —
מיין ערד.
און פאַרמאַך איך מײַנע אויגן —
אַז כזאָל די זיבן טויזנט אויגן פון דער ערד נישט זען —
דרייען זיך און שווינדלען ארום מיר —
ערד, ערד, שטיקער ערד.

אין אלע צייטן; וואָס איך זאָל נישט טאָן;
וואו איך זאָל נישט זיין —
פיל איך, אַז איך בין —
ערד, שטיקער ערד.
זע איך אַ לעוואַיע, וויים איך —
ערד וועט באַהעפטן זיך מיט ערד:
אנטלויף איך:
(סווינקט צו מיר די ערד מיט אירע זיבן טויזנט אויגן
שנעלער דאַן)

טויט

אפ'ן שפּאַציר, באַטראַכטענדיק די אויסגעפּוצטע
פאַרפיומירטע יונגע פרויען,
פיל איך — סלאַבען שטיקער ערד,
סגייען, סלויפן — שטיקער ערד —
ערד, ערד און ערד.

הייזער—ערד; לאַמטערן—ערד; באַנען—ערד.
מיין הונט — ערד; דער טאָפּאָל ביי מיין פענצטער — ערד.
און די רוענדיקע ערד — אונטער מיינע פיס —
ווינקט ארויף: צו מיר, צום וואָלקענקראַצער, צום מאָנומענט—
און זאָגט:
„גרויסט זיך, שטייגט, וואקסט אלץ העכער, העכער —
צו די הימלען — ארויף, ארויף!
איר וועט אלע, אלע מיד ווערן
און לייגן זיך צו מיר — אייער מאַמען — אָפן שויס. . .
און איך וועל לייגן אייך אין בעט אריין
און צודעקן אייך גוט, גוט.

סווינקט צו מיר מיין ערד מיט זיבן טויזנט אויגן —
איך זאָל באהעפטן זיך מיט איר.
און איך — שפּאַר זיך מיט איר,
ווי א פארשפּילט קינד,
וואָס סרופט די מאַמע אים צום שלאָף. . .

.2

איך שטאַרב, איך שטאַרב—און זעט עס ווער ?
מיין פיין איז גרויס, מיין פיין איז שווער.
איך שטאַרב, איך שטאַרב—און זעט עס ווער ?

א ביסל הילף קאן רעטן מיך,
ווער קומט, ווער קומט צו הילף מיר גיך ?
א ביסל הילף קאן רעטן מיך.

אַ וואָרט, א בליק, א ווארעמע האַנט —
און שוין ארויס פון טויטן-לאַנד,
א וואָרט, א בליק, א ווארעמע האַנט.

סאיז שטיל, סאיז שטיל, סאיז שטיל ארום. . .
און איז די וועלט, אָ, טויב און שטום ?
סאיז שטיל, סאיז שטיל, סאיז שטיל ארום. . .

איך שטארב, איך שטאַרב—און קיינער זעט !
אָ, נעמט ווער צו מיין לעצט געבעט,
איך שטאַרב, איך שטאַרב—און קיינער זעט !

3.

אין די גהויע וואָלקענס זע איך אים —
דעם טויט.
אין פאַרנאַכטן שטילע פיל איך אים —
דעם טויט.
אין דעם בייזן שטורים הער איך אים —
דעם טויט.
אין די שווערע רעגנס קלאַפּט צו מיר —
דער טויט.
פון די כוואַליעס ווילדע לאַכט צו מיר —
דער טויט.
ווען, אָ, ווען דאָך קומט צו מיר —
דער טויט ?

.4

מ י ל כ אָ מ ע

פון אלע אויגן קוקט ארוים דער שטומער טויט.
עס בליען די ביימער, די בלומען און גראָזן ;
מיט האַסטיקע, דאָך שטילע טריט, קומט אָן דער טויט —
עס האָט אונדז ווער פארלאָזן.

געבענטשט זאָל זיין דער טויט. . . פארשאָלטן זאָל ער זיין,
עס בליען די מאגנאָליען און צאַרטע ווינטלאָך בלאָזן —
מיר וועלן אויסגיין דאָ פון צאַר און פיין :
עס האָט אונדז ווער פארלאָזן.